און נאָך איידער ער וועט נעפינען די ווערטער צו פערענטפערען זיך, וועט זי זיך פונאנדערלאכען אויפ׳ן קול:

— כאַ־כאַ־כאַ! אפשר שעהמט איהר זיך גאָר אריינצוקומען צו אַ מיידעל?... עפּעס אַ קליינינקייט אַזאַ בעשיידענער יונגערמאַן ווי איהר זייט!...

— שייך אַ בעשיידענער... גאָרנישט, אַ יונגערמאַן אַזוי ווי אַלע...

— שוין גאָרניט אזוי ווי אלע, — וועט זי שמייכלענדיג כיטרע איהם גלייך אין די אויגען אריינקוקען, — ווען אלע וואלטען געווען אזוי ווי איהר, וואָלט גאָר געוואָרען אַ הפקר פעטרושקע וועלטעל...

— וואָס?!!!

— איהר דאַרפט זיך אַזוי ניט שרעקען און שעהמען זיך; פאַר מיר דאַרפט איהר עס אודאי ניט, גלויבט מיר, אַז איך ווייס אַלעס...

— וואָס ווייסט איהר?

— וואָס איך ווייס, ווייס איך גענוג...

און נאָך דרייסטער:

— אַי, לייזער, לייזער, איהר האָט געמיינט, אַז איך בין אין אייך אַזוי גענאַרט ווי אַנדערע און רעכען אייך פאַר אַ גאַנצען צדיק אין פעלץ...

דאָס וועט איהם מאַכען זעהר נייגיעריג, וועט ער שוין צושטעהן צו איהר, זי זאל איהם דערצעהלען, וואס זי וויים פון איהם. און דאָ וועט זי איהם דערצעהלען אזעלכע ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע מעשיות, וואָס זי האָט כלומרשט וועגען איהם געהערט.

ער וועט זיין גערייצט, און עס וועט שוין אויסקומען אזוי, אז ער מוז האלטען פּאַפּאָן, און וויזען, אז ער איז טאקע אַ ברען אַ יונג, וועט ער זיך ערלויבען אַ שטיף צו טהאָן מיט איהר, כלומר׳שט אין שפּאס ארומנעהמען זי. דעמאָלט וועט זי זיך אַזוי ליידענשאפטליך צוטוליען צו איהם און אזוי שעהן פערווארפען דעם קאָפּ אויף זיין אקסעל, אז ער וועט זיך שוין בשום אופן ניט קענען בעהערשען; צו פייערדיג וועט דעמאָלט דער בליק פון איהרע אויגען זיין. וועט ער זיך פאַרזיכטיג אָנהויבען ארום קוקען אין אלע זייטען, זיך איינהערען צום כראַפּען, וואָס וועט זיך טראָגען פונ׳ם אַנדערען צימער, שטיל צוגעהן צו דער טיר און זי בעסער צומאַכען, און אויפכאפּענדיג דעם תאוה׳דיגען בליק פון איהרע אויגען, וועט ער שנעל די געז אויסלעשען...

א. ליטווין:

# דער „גר־צדק“ אין דער אידישער לעגענדע

(לויט אַ זעלטענער אַלטער אידישער שריפט)

צו דער לעגענדע פונ׳ם „גר צדק“, וואָס איז אונטען איבערגעדרוקט וואָרט אין וואָרט פון אַ זעהר אַלטען ביכעל, האַלט דער אויטאָר פון אָט די ציילען פאַר נויטיג צוצוגעבען פאָלגענדע ערקלערונג:

די דאָזיגע מעשה איז דער איינציגער עקזעמפּלאַר א י ן א י ד י ש, וואָס האָט זיך דערהאַלטען וועגען דער טיעף ריהרענדער דראַמע, וואָס האָט זיך אָבגעשפּילט אין ווילנאַ מיט איבער 150 יאָהר צוריק. איך מיין די דראַמע מיט דעם „גר צדק“ פּ אָ ט אָ צ ק י און זיין חבר ז אַ ר ע מ ב ע, וואָס האָט אויך, אַזוי ווי דער יונגער מאַגנאַט פּאָטאָצקי, אָנגענומען דעם אידישען גלויבען. די מעשה מיט אָט די צוויי „גרי צדק“ איז אַ העכסט וויכטיגער קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט. זי וואַרפט אַ שטאַרקע ליכט אויף אַן עפּאָכע, וואָס איז געווען איינע פון די מערקווירדיגסטע אין דער אידישער און אַלגעמיינער געשיכטע. די עפּאָכע, ווען די מיטעלאַלטערליכע שאָטענס האָבען נעגומען פערשווינדען. עס האָט אָנגעהויבען קומען אַ נייע צייט. עס האָבען גענומען אויפבליהען וויסענשאַפט, ליטעראַטור און קונסט. די פעלקער האָבען אָנגעהויבען ערוואַכען צו אַ נייעם לעבען מיט נייע האָפנונגען און שטרעבונגען.

עס האָט שוין געשמעקט, פון ווייטען, מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט חרוב געמאַכט די אַלטע וועלט און נענומען בויען אויף איהרע חורבות אַ נייע, אַ שענערע וועלט. אָבער די אַלטע וועלט האָט נאָך ניט געהאַט קיין חשק אָבצוטרעטען די ממשלה. דער קאַמפּף צווישען ליכט און פינסטערניס איז נאָך געווען גאַנץ שטאַרק און ערטערווייז — אַ פערצווייפעלטער.

אין יענער צייט, מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר צוריק, ווען די שוואַרצע שאָטענס האָבען נאָך אין אייראָפּאַ געטאַנצט זייער לעצטען ווילדען טאַנץ, איז ליטאַ געווען אַ מקום מקלט פאַר אַלעס, וואָס ווערט נעפּלאָגט און געיאָגט. די הוגענאָטען און אַלערליי אפּיקורסים און רעליגיעזע רעפאָרמער האָבען זיך געצויגען אהער פון אַלע עקען אייראָפּאַ, וואו זיי זיינען געווען שרעקליך פערפאָלגט. דאָ ביי די טאָלעראַנטע און פריינגעזאָנענע ליטווישע פירשטען האָבען זיי גע־

Digitized by Google

פונען א ווארימען קבלת־פנים און א שוץ. ליטא, און איבערהויפט ווילנא, איהר הויפטשטאדט, איז געווארען א צענטער פון פארטשריט, פון וויסענשאפט, פונ׳ם פרייען גייסט. אהער האט זיך געצויגען אלעס. וואס האט בעזעסען טאלאנט, מוט און גייסטיגען אדעל.

צו דער צייט ווען די מעשה מיט׳ן „גר צדק“ האט פאסירט — דאס איז געווען אין מיטען פונ׳ם 18־טען יאהרהונדערט — האט זיך אפילו איינגעגעבען די יעזואיטען צו פערשפרייטען דא שטארק זייער נעץ. ליטא איז שוין ניט געווען אזוי פריי, רעגירט פון אייגענע ליטווישע פירשטען. די פוילישע הערשאפט האט דא, ווי פריהער אין אוקראינא, פערשפרייט שטארק איהרע פליגלען. דאך איז די פינסטערע מאכט פון די יעזואיטען ניט געווען דא אזוי איינגעווארצעלט אין די נשמות פונ׳ם פאלק, ווי אין פוילען א שטייגער, און אין פראנקרייך. די מאכט פון דער פוילישער שליאכטע האט זיך אויך ניט איברינגס שטארק נעפיהלט. מיט די איינגעוואנדערטע פון אנדערע פעלקער איז אויך נעקומען אהער א גרויסער שטראם אידישע פערפאלגטע, צווישען זיי א סך גרויסע געלעהרטע און איידעלע גייסטער. זיי האבען שוין דא לאנג געפונען א פריינדליכען אויפנאם פון די ליטווישע און ליטוויש־פוילישע מאגנאטען. ווילנא איז שוין דאמאלס געווארען דער צענטער פון דער בעסטער אידישער אינטעליגענץ פון יענער צייט. אידישע געלעהרטע האבען געהאט א געוויסע ווירקונג אויף דער ליטווישער און פוילישער אינטעליגענץ. דער בעסערער יונגער פוילישער אדעל האט זיך געצויגען צו ליכט, צו אויפלעבונג, צו זוכען דעם אמת פון לעבען. דאס אלעס האט, אין יענער צייט, נאטירליך, זיך געקענט אויסדריקען בלויז אין א רעליגיעזע פארם. די רעפארמאטארישע בעוועגונג האט אין ליטא ניט געקענט אננעהמען אזא שטארקען קאמפפס־כאראקטער, ווי אנדערסוואו. די מאכט פונ׳ם פאפסט איז דא נאך ניט געווען אזוי שטארק. קריסטענטום אליין איז ערשט ניט זעהר לאנג צוריק געווען דא איינגעפיהרט און האט נאך ניט געקענט ארויסשטויסען אין גאנצען די היידנישע וועלט־אויפפאסונג פון די ליטווינען. דער פארשענדער גייסט פון דער ערוואכענדער יוגענד האט זיך נאך ניט געקענט אבשטעלען אויף דער סאציאלער אונגלייכהייט פון קלאסען, פון דער פויערשער און פריצישער וועלט. ער האט זיך נאך ניט געקענט אריינטראכטען אין די פערוויקעלטע סבות פון אט די צוויי פערשיעדענע וועלטען. די ספערע פון די פריצים און גלחים איז זיי געווען אבשטויסענד דורך זייער מאראלישער קאררופציאן, די פויערן אבער — אויך, דורך זייער טעמפען און האלב־ווילדען צושטאנד. גאנץ אנדערש איז געווען, ווען זיי האבען געזען זייער פריצישען שטאנד אוועקגעשטעלט די אידישע וועלט, וואס איז געווען זעהר נאהענט צו זיי. ארום זיך האבען זיי געזעהען א וועלט פון זיטליכער פערדארבענהייט און אויסגעלאסענהייט; דארטען, אין אידישען געטא, א ריינעם, שטילען, פאמיליען־לעבען.. דער פריץ האט פערבראכט זיין לעבען אין נאכגעבען זיינע תאוות. דער איד האט געלעבט מעסיג, געהאוועט, געהארעוועט צו בעזארגען זיין געזינד, זיין משפחה, זיין געמיינדע. דער גלח האט געשכור׳ט און געהולטעוועט צוזאמען מיט׳ן פריץ; דער אידישער רב איז, צומעהרסט, געווען א טרייער פאסטוך פאר זיין סטאדע, האט געלעבט ארים און פערבראכט זיין גאנצע צייט אין לערנען און שטודירען דאס געזעץ. מיט זיין פערזענליכען לעבען איז ער געווען א מוסטער פאר זיין געמיינדע. אין דער אידישער פאלקס־מעשה, וואס ענטהאלט א רייכען היסטארישען און קולטור־היסטארישען מאטעריאל פאר יענער עפאכע און בכלל פאר די לעצטע יאהרהונדערטען אין דעם לעבען פון די ליטווישע און פוילישע אידען, שטויסען מיר זיך אן אויף יעדען טריט און שריט אויף פאקטען, ווי די ליטווישע, פוילישע און ווייס־רוסישע מאסע, און אפילו דער פריץ אליין, איז אין קריטישען לעבענס־מאמענט נעגאנגען פרעגען אן עצה ניט צום גלח, נאר צום אידישען רב, צו וועלכען זיי האבען געהאט א סך רעספעקט און נעגלויבט פרום אין זיין וואונדערליכער קראפט.

די אונרוהיגקייט פון גייסט האט זיך אין יענער צייט געקענט, ווי געזאגט, אויסדריקען נאר אין א רעליגיעזער פארם, אין דער פארם פון: וועמעס גלויבען איז בעסער? אבער מיט וועמען צו גלויבען — האט אייגענטליך געהייסען: מיט וועמען צו לעבען? בעמערקענדיג, ווי דאס אידישע פאלק ווערט געהאסט, נעיאגט און געטריבען, און אז די דריקער און פערפאלגער זיינען ערגער פון די, וואס ווערען פון זיי פערפאלגט, פעראכט, איז פאר מאנכע איידעלע גייסטער ניט שווער געווען צו קומען צו דעם געדאנק, אז דער אמת איז ניט ביי די שטארקע פערפאלגער, נאר ביי די שוואכע פערפאלגטע.

די מעשה מיט פאטאצקי און זארעמבע, די צוויי יונגע מאגנאטען, וואס האבען געלאזען זייערע טיטולען, זייער רייכטום, זייער פאמיליע און געווארען אידען, איז א היסטארישער פאקט און — ניט קיין זעלטענהייט אין יענער צייט. אמשטערדאם, די איינציגע שטאדט אין אייראפא, וואו דעם מענשענס געדאנק איז פריי געווארען פון זיינע פענטעס, האט געזעהן טאגטעגליך אזוינע פאלען. די דאזיגע מעשה פון די צוויי גרי צדק איז בלויז מעהר כאראקטעריסטיש, מעהר טיפיש, ווייל זי האט צו טאן מיט די גרעסטע פארשטעהער פונ׳ם ליטוויש־פוילישען אדעל. דערביי איז דער שיקזאל פון אט די צוויי „גרי צדק“ געווען פערשיידען. איי־

Digitized by Google

נער (זארעמבע) האָט זיך געקאָנט אין גאנצען שיידען פון זיין היים און לאנד און האָט פערלעבט גליקליך צווישען אידען זיינע יאָהרען; דער צווייטער (פּאָטאָצקי) האָט זיך ניט געקענט אין גאנצען זעגענען מיט זיין היימישער ספערע. ער האָט נאָך דערהאלטען אין זיין נשמה א בענקשאפט נאָך דער מוטער, פיליכט נאָך די ליטווישע וועלדער, האָט גענומען לעבען אונלעגאל און געענדיגט מיט א מארטירערטויט.

די אידישע לעגענדע האָט זיך זעהר ווארים בעצויגען צום אנדענקען פון אָט די צוויי העלדען, וואָס האָבען פערבונדען זייער שיקזאל מיט דעם געפייניגטען פאָלק. דער מארטירער־טויט פון דעם גר־צדק פּאָטאָצקי האָט געמאכט א שטארקען רושם אויף די אידישע נשמות. דער קבר אויפ׳ן אלטען ווילנער בית עולם, וואו עס איז בעגראָבען אביסעל אש פון דעם פערברענטען קדוש און דער הונדערטער־יעהריגער בוים, וואָס פערשפּרייט זיינע צווייגען איבער דעם קבר, איז פאר אלע ליטווישע אידען אזוי הייליג, ווי דער קבר פון דעם ווילנער גאון און די קברים פון אנדערע גרויסע מענשען, וואָס ווילנא האָט פערמאָגט. קיין לעגענדע איז ביי ליטווישע אידען ניט געווען אזוי טייער, ווי אָט די. כמעט יעדע אידישע הויז פון די פאָריגע דורות, האָט געהאט ביי זיך איבערגעשריבען, מיט א געצאצקעטען שעהנעם כתב, די מעשה פונ׳ם „גר צדק“. די טאַטעס האָבען עס איבערגעגעבען די קינדער. די קינדער האָבען עס זייערע קינדער איבערגעגעבען. לײדער איז די אידישע יוגענד פון אונזער צייט גלייכגילטיג צו די קולטורעלע אוצרות פון זייערע טאטעס און זיידעס. דער שרייבער פון אָט די צייל׳ען האָט יאָהרען־לאנג געזוכט צו קריגען אָט די לעגענדע, און מיט גרויס מיה איז איהם, צופעליג, געלונגען דאָס ביכעלע צו בעקומען. דאָס איז, דאכט זיך, דער איינציגער עקזעמפּלאר (אין רוסלאנד איז ער אונלעגאל) וואָס האָט זיך דערהאלטען אין א י ד י ש און ווערט צום ערשטען מאָל איבערגעדרוקט אין זיין פולען אינהאלט, אָהן פערקירצונגען.

ווייל דאָס ביכעל איז א וויכטיגער קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט, האָט דעריבער, נאַטירליך, זיין שפּראך און די אָרטאָגראפיע געמוזט בלייבען ניט פערענדערט.

גירי צדק:

(בשנת ה אלפים תע״ט) אוז גיוועזון איין האַר אין (מדינה פולין), ער האָט גוהייסען פּאָטאָצקע. ער האָט גוהאַט איין זון — איין קלוגן מאַן. אלו קלוגקייט פון דר האַקדעמיע מווילנא אוז און זיינו אוגן קליין גווועזן. אונ דר פאָטער האָט אום גושוקט קיין פּאַרוז צו לערנון דאָרטון.

אויך און מדינת זאמוט אוז גיוועזון איין האַר. ער האָט גוהייסון זאַרעמבע, און האָט אויך גוהאַט איין קלוגון זון, און ער האָט אויך אום גושוקט קיין פּאַרוז לערנון. אונ דוא יונגון האָבון זוך צוא זאמטמען גוהאַלטון מוט גרויס לובשאַפט זייער שטאַרק.

עס אוז גוועזון איין טאָג, זענון זייא צוא זאמטען גוגאַנגון שפּצורון אונ וויין גאָרטון אונ האָבון גטראָפון איין אַלטען מאַן לערנון אונ איין ספר מוט גרויס גלוסטוגקייט, בוז זייא זענון גיוועורקט גיוואָרדון פון זיין לערנון. זיי האָבון אום גופרעגט: ווי הייסט דאָס ספר אונ וואָס אוז דאָרטען גושרובון? אויב פון דער אמונה, אָדער אַנדערו קלוגהייט?

האָט ער גוענפרט: דאָס ספר אוז תורת ה׳, וואָס הערשט אובער אלו אונ דאָרטון אוז גושרובון, אַז ער האָט בשאַפון הומל אונ ערד אונ אַלעס, וואָס אויף דער ערט, וואָס, וואָס עס ווערט זיין אויף דער ערט בוז איבוג, אַלעס דאָרטון גושרובון און מוט אמת וצדק.

האָבון זייא גוזאָגט צום אַלטון מאַן: לערון אונז אויך דעם טייערען ספר, וואָרים אונז גלוסטון אויך צו לערנון תורת אמת. ענפערט דר זקן: מיינו פריינד. אוך קאָן מוט אייך נוט לערנון אונ דעם ספר, וואָרום אור וועט נוט פר שטייען קיין לשון הקודש. אויך אוז גזירת המלכות נוט לערנון אונ דעם ספר, וואָרום עס אוז דער ווידר אייער אמונה. זאָגון זייא נאָך איין מאָל צו אום: הער צוא, דוא זקן, וואָס דוא האָסט גוקופט חכמה! פר וואָהר, דער באַשעפער ית״ש האָט אונז אויך אָפּ גוטיילט מוט פאַר שטאַנד; דער באַרום זוך אויף אונז אונ לערון מוט אונז תורה, דוא גוהערלובטע, אונ קיין מורא (ברויכסטו) צו האָבון. דיין האָרץ (זאָל) נוט פאָרכטון פאַר דעם מלכות. מור וועלון נוט אויס זאָגון דיין סוד, אונ טוא דוא זאַך פון גאָטס כבוד וועגון אַרויס נעמון טייערקייט פון מוסקייט (מאוסקייט).

דער זקן האָט מוט זיי גורעדונט. אונ איין האַלב יאָהר אַרום האָבון זייא גורעדונט אונ פאַר שטאַנון דוא גאַנצע תורה, אונ האָבון גיוויסט מוט ראיה, אַז אמונת ישראל אוז וואָהר. עס אוז צוא זייא גוועזון איין פאַר אימערט לעבון אובער זייער אמונה. זאָגט איינער צום אַנדערון: וואָס זוצען מור דאָ בוז צום שטאַרבון! לאָמור זוך אָן ברייטון מוט קלוגהייט צוא פאָרון קיין אמשטרדם, צוא טאָהן דאָרטון, וואָס אונזער האַרץ גלוסט. אונ דעם אַנדערון טאָג האָבון זייא זוך איין ראַט גהאַלטון נאָך איין מאָהל. זאָגון זייא: פאַר וואָהר, אונ אונזער אמונה אוז דאָ גרויסו חכמים אונ הייליגע מענטשון! וואָס מור האָבון גוהערט, אַז אונ שטאָט רומי אוז דאָ איינער אפּיפיר, וואָס ער אוז גורעדונט. ער איז גרויס בוז אונ הומל. עס אוז נושט דאָ קיין בעסורקייט. לאָמור פאָרון צוא אום, ווערון מור וויסון דעם אמת.

האָט זאַרעמבע צום ברודער גזאָגט: אוך קאָן נוט פאָרון, וואָרום אוך האָב נושט קיין געלד אויף דוא ווייטע רייזו. נאָר דוא זאָלסט פאָרון, וואָרום דער פּאָטור וועט דור צו שוקען געלד, אויך ברוף פון אַלו גרויסע האַרון, וואָס זוצון צום ערשטון בייא דעם מלכות: מען זאָל דוך מקבל זיין מוט ליב שאַפט אונ גרויס כבוד.

Digitized by Google

עס אוז אזוי גיוועזון. פאטאצקע האט גושרובון צום פאטור, אז ער וויל פארון צום אפפיור לערנון דיא חכמה צום תכלית. האט אום דער פאטור גושוקט איין אוצר געלד אונ גאלד, (אהין) וויא דער חכם וואונט. אויך איין סך ברוף פון דוא הארון פון מדינת פוילין. ער אוז גוקומון קיין רום. אונ הפופסט האט אום מקבל גיוועזון מוט גרוס כבוד, אזו וויא דער סדר אוז. ער האט תמיד גוגעסון ביי אום. ווארום מען האט אום גוגעבון מתנות כיד המלך. אויך זיין פנים האט גולאכט (געלייכט) פון דער חכמה. ער האט גופונגן חן אונ אוגון פון הפופס, אונ (דער פויפסט) האט אום גולערונט דרכי אמונה. אבר עס אוז אום גוט אריין אונ דוא אוהרען (אויערן). ווארום ער האט פר שטאנון, וועדלוג זיין חכמה, אז זיין מויל רעדט נארושקייט. אלו זיינו רייד אוז אזו וויא פר שטוסון שטרויא. אונ זיין הארצון האט גוברנט וויא פייער דאס לוב שאפט פון דער אמתר אמונה. אלע טאג אוז ער גוגאנגון אונ זיין חדר אונ האט דארטון גיוויינט. ער האט גובעטון גאט אונ האט גוזאגט: אוך בעט דוך גאט, צו אום מיין לייב פון דעם שלאס צו לובון דיין נאמון. און דר חכם האט גוט נאך גופארשט אויף דוא מעשים פון הפופס, אויב ער גייט אונ הומל, אזוי ווי ער זאגט, אז יש"ו הנוצרי שוקט נאך אום איין מלאך, וואס הייסט אנטאן סטעפאן, אונ רעט מוט אום פול חכמות, אונ זאגט אום מצות אונ נייע תורה מוט גוטע הנהגות. אבער דער חכם פר שטייט באמת, (אז) עס אוז לוגון אונ זיין מויל, ווארום ער ווייסט זיין לאגע, אז ער אוז איין מגושם מענטש אונ טוט אלע גלוסטוקייט, ווס זיין הארץ באגערט. פון דעסט וועגון האט ער גופארשט דעם הפופס קנעכט, (ער אוז (געוועזן) איין לוב האבר אונ איין גוזעהון פון דעם חכם) ער האט אום שטארק גובעטון, דעם אמת צוא זאגון. אויך האט ער אום צו גוזאגט איין גרוסו מתנה אונ צוא גושווארון נוט אויס זאגון דו זאך פר איין פרעמדון.

עס איז גיוועזון, ער האט אום גופרסט (געפרעסט) תמיד מוט רייד, האט דר קנעכט נוט גוקאנט (זיך) איין האלטון אונ זאגט צוא אום: מיין פריינד, זאלסט וויסן, אז ער האט איין גרויסון קעלר און שיין אונטער זיין הויז. עס אוז פאר תולון פון אללו אוגון. דארטון זוצט ער אונ עסט אללע זוסו שפייזען אונ טרונקט פול גוטראנק מוט איין שיינו זונה. אונ מור זאגט ער אן מוט הארבו שבועות וחרמות: ווען איינער וועט פרעגון אויף אום, זאל אוך זאגון, אז ער אוז גוגאנגון אויף דעם הומול צו ריידון מוט יש"ו נוצרי, דורך דעם שליחות פון דעם מלאך אנטאן סטעפאן. אונ דער צייט אז ער פאר זאגט אלע מענטשון קיין פלייש עסון אונ וויין טרונקון, עסט ער אליין פלייש אונ טרונקט וויין, אונ איין גרוסער נואף מוט פול זונות. ער זאגט אלו, אז ער אוז היילוג אונ רורט נוט אן קיין אשה, אונ קוקט נוט אן. אוך נעם דער פאר פול גוהאלט, אוך זאל נוט אנטפלעקון דעם סוד. האט זוך דער חכם וחסיד פאר וואהנדערט. ער אוז אריין גוגאנגון אונ זיין חדר אונ האט דארטון גיוויינט. ער האט מתפלל גיוועזן אונ גוזאגט: אוך בעט דוך דער האר אובר הומול אונ ערד, העלף דיין קנעכט, אז דיין פול גונאד (זאל זיין מיט יענע) דוא דוך דונען מוט דעם גאנצון הארצון אונ לערנן דו היילוגו תורה, ווארום דוא האסט אונז בשאפון אונז גיטס טון. דוא זאלסט מור העלפן, אוך זאל קומון אונ דער גרויסער שטאט אמשטרדם דארטון צו מין מיין גלוסטוקייט.

ער האט נאך איין מאל אויף גוהובון זיין קול מוט גיוויין. ער קלגט אונ זאגט: איין קלאג אוז צוא מור, אונ ווייא אויף מיין בראך, וואס אוך האב גוטון נארושקייט אונ זונד. ווייא צו אייך, פאטור אונ מוטור, מוט וואס זענט אור מבלה דוא טעג! אוי אונ ווייא אוז מיין משפחה! ווער וואלט גוגעבון אייער הארץ, ווי מיין הארץ, דעם אמת וויסון, וואלט אור פאר מוסט אייער גוטס, (און וואלט) אובר פארון דורך דערנור קיין אמשטרדם, מוט איין קול פון גוזאנג אונ לוב, צו זיין דארטון איין פאלק מוט יודון, דו גולובטו פאר גאט ית"ש. גובענשט אוז ער וואס האט אייך אויס דער ווילט. ווייא אוז צוא אייך, אומות עולם! ווארום דר טאג וועט קומון צו ברענגון ווי איין אובון אויף אייך! וויא אזו וועט אור פר נעמן דעם טאג? אור וועט זיין אזו טרוקון, ווי שטרוי אוף פייער. אונ (פאטאצקי) האט זוך גובוקט אונ איין לוב גוגעבון צו גאט ית"ש אויף דעם גוטין, ווס ער האט מוט אום גוטאן (ער זאל) וויסון דעם אמת.

ווי זארעמבא האט גוזעהן, אז ער שוקט אום נוט קיין ידיעה פון רום, איז ער גופארון צו הוז. גאט האט אזו גופורט. אונ זיין חכמה האט דר לייכט זיין פנים. עס הט אום גוזעהן איין גרוסער האר, טושקעוויץ. האט ער חן בקומון אונ זיינו אויגון צו געבון דוא טאכטר פר איין ווייב. אונ דער האר הט גומאכט איין גרויסו סעודה צוא דוא הארון אונ דוכסים, אונ האט גושוקט זעקס קארעטוס, זארעמבוס פאטור ברענגון. אונ אוטלובער קארוטע גושפנט זעקס פערד מוט זולבערנו צוימון.

אזו וויא דער חכם זארעמבא אוז גוקומון צום האר טישקעוויץ אוז ער גופאלון אוף זיין פנים אונ (זיך) גובוקט. ער זאגט צו אום: מיין האר פר וואהר אוך בון זוך קליין. ענטפרט דער האר: ווען דוא בוסט קליין אונ דיינו אוגון, — אזו אוז די מדה פון חכמים ביי זוך קליין האלטון — אובר דעם בוסטו ביי מור זייער טייער. אוך האב דיך לוב. דיין חכמה אוז טייערר פון גאלד אונ בעסור פון גון גאלד. אלו גלוסטיקייט דער צו — נישט גליך. מיין טאכטר וועט דוך זייער לוב האבון. זו האט שון לאנג אויס גומאלט דיין צורה אונ אור חהר. איין סימן, אז עס אוז פון גאט. נון, מיין גולובטו טאכטר אוז פר דור. נעם זוא מיט מזל טוב פאר איין ווייב.

זארעמבע האט גונומון זיין טאכטר אונ האט זוא לוב גוהאט אונ מיט אור איין טייער אונ איין שיין קינד גוהאט. אונ דר חכם פאטאצקי, אז ער האט גוויסט פון דעם קנעכט, אז דר פופס אוז איין לוגנער, ער האט פר שטאנון, אז יודושו אמונה אוז אמת, אונ אוז גובלובון אונ דער דעה צוא פארון קיין אמשטרדם זיין איין יתודו. האט ער גושרובון איין ברוף צום פאטר, אז ער האט בייא דעם פופס גרוס גיווערקט:

Digitized by Google

ער האַט דאַרטון פר שטאַנון דעם רעכטון וועג אונ די אמונה. אובר דעם בעט אוך, מור צו שוקון אוף מיין באַדערפונוש טוזונט רענדלוך. נאַך אונ אַ יאַר אַרום וועל אוך אַהיים קומון, פול חכמה ווי איין מולגראַם.

אונ דר פּאַטור האַט אום גושוקט דס געלט מוט גרוים פרייד אונ לובשאַפט מוט איין פריינד (ליבען ברוף. וואַרום ער האַט אום זייער לוב גוהאַט, וויא זיין שוואַרץ אַפּול פון דעם אוג. אונ דער פּאַטאַצקי האַט גוגעבון דעם קנעכט איין גרוים פריזענט, אַזו ווי ער האַט אום צו גוזגט, דער פּאַר, וואַס ער האַט אום גיזאַגט דעם אמת. אונ ער אוז גיפאַרון קיין אמשטרדם מיט פרייד אין גיזאַנג, וויא איין פויגול אַנטלויפט פון דער תפיסה. וויא ער קומט קיין אמשטרדם, אוז ער, אין דער רגע, גיגאַנגון צו דעם רב אונ האַט אום גיזאַגט: אדוני ורבי, אוך וויל זיין איין יהודי, וואַרום איך האַב גילערונט אַלע חכמות אין דר נאַך תורה פון גאַט. האַב אוך אוים גיקלערט אין גיפאַרשט, אונ האַב גיפונען, אַז יודישע אמונה זוא — אוז אויף אייבוג אין דוא עבודה זרה וועט פר לאָרען ווערון.

דער רב הט גוהאַרכט זיינו רייד, וואַס ברענון וויא פייער אין רעט פון זיין היילונג האַרץ, אוז אום וואָהל גיפעלון אין זיינו אויגון. ענפערט דער רב: רעכט זאַגסטו, מיין קונד, וואָהל דיה, אַז דו בוסט גיקומן זוך באַשיצן אונטער גאָטס פליגעל. דיין ווערק זאָל דור גאָט בצאָלון. נאַר דו זאַך קען אוך גוט טאָהן אליין, אַז קיין מענטש זאָל נוט ווישן. ביי אונז ווערט אַזו נוט גיטאָן. נייערט צו מאָרגען וועל אוך שוקון נאַך דוא גרוסע מענטשין פון שטאָט, זייא זאָלון אויך הערון דיינו זוסע רייד, ווען מור טאָהן מוט דור, וויא רעכט אוז.

עס אוז גיוועזון דעם אַנדערון טאָג, האָבן זוך איין גוזאַמלט אַלו גרוסו לייט פון דר שטאָט אונ אַלו חכמים מיט חסידים. דוא שטוב אוז גוואָרון פול פון עק בוז עק. דעם פּאַטאַצקי האָבון זייא גושטעלט אין מוטען אונ ער האָט אָן גהובון צו דרשנון מוט גרוים חכמת, אַז יודישע אמונה אוז אמת. זייא האָבון זוך אַלו פאַר וואונדערט אויף זיין גרוים חכמה. זייא האָבון אום גיקושט אונ קאָפּ, אונ גובענטשט, אין באַשניטון דוא מילה. זייא האָבון גומאַכט איין גרויס: סעודה אונ האָבון זוך גופרייט.

דער פּאַטאַצקי אוז גיזעסון בייא דעם רב צוויא יאָהר אונ האָט גולערונט טאָג אַז נאַכט תורה. דער רב האָט אום גולערונט גאָטס וועג. ער האָט גיקוקט מער פון אַלו גרים, וואָס זענון פאַר אום גווען. זיין האַרץ האָט זוך גיגרוסט אין גאָטס וועג, אין זיין גלייכון אוז נושט גיוועזון. וואָהל דעם אויג, וואָס האָט אַלעס גיזעהון.

(שלום קומט)

---

ב. גאָרין:

# געשיכטע פון אידישען טהעאטער

(גאָלדפאַדענ׳ס ערשטע טעאַטער קאָמפּאַניע)

ווי גאָלדפאַדען האָט „געהויבען הקפות". — דער גרויסער קבלת פּנים אין גאַלאַץ. — דער צווייטער קוואל פון וואַנען גאָלדפאַדען האָט גענומען אַקטיאָרען. — טלית און הפקר וועלט. — גאָלדפאַדען׳ס טרופּע ווערט מיט אַ מאָל פערגרעסערט. — ווער האָט געשריעבען שמענדריק? — „די קאָמישע חתונה פון שמענדריק" געדרוקט מיט צוויי יאָהר פריהער. — די אונמעגליכקייט דערפון. — גראַדנער פערלאָזט גאָלדפאַדענען.

(Copyright by B. Gorin, 1916)

עס זיינען ניט וויכטיג די איינצעלהייטען, ווי אזוי גאָלפאדען מיט זיין קליינער טרופּע האָט זיך ארומגעשלעפּט דעם ערשטען ווינטער איבער די קלענערע שטעדט אין רומעניען, און מיר ווילען נאָר דערמאָנען די שטאָדט גאַלאַץ, וואו גאָלדפאדען האָט אָנגעשפּארט ארום פּורים צייט אין 1877. זיין אָנקומען אין גאלאץ וואַרפט א ליכט, ווי אזוי עס האָט אין יענער שווערער און ביטערער צייט „געהויבען הקפות" און ווי אזוי ער האָט דערוויזען אריבערצופיהרען זיינע „פּוטהאלבען" אקטיאָרען פון איין שטעדטעל אין דעם צווייטען.

אין רומעניען האָבען די אידען דעמאָלט געהאט א פעראיין, וואָס האָט געהייסען „לעבאנאָן". די לעבאַניסטען אין יאסי האָבען מקרב געווען גאָלדפאדען און האָבען איהם געמאכט פאר זייער עהרען־פרעזידענט. און אייד דער ער איז אוועקגעפאָהרען קיין גאלאַץ, האָט דער פרעזידענט פון די יאסער לעבאניסטען געלאָזט וויסען די גאלאצער לעבאניסטען, אַז דער עהרען־פרעזידענט א. גאָלדפאדען, דירעקטאָר פון אידישען טהעאטער מיט זיין קאָמפּאַניע, קומט צו זיי און זיי זאָלען איהם געבען אַ פיינעם קבלת פּנים.

עס האָט זיך געגרינדעט א קאָמיטעט פון פינף און צוואנציג פּערזאָן, וועלכער איז ארויס מקבל פּנים זיין איהם. זיי האָבען ערווארט צו בעגעגענען אַן אימפּאָזאנטע טרופּע, די זיילען פון דעם אידישען טהעאַטער מיט׳ן בעוואוסטען דיכטער אַלס דירעקטאָר, און צו זייער גרויסער פערוואונדערונג האָבען זיי געטראָפען איין מענשען, און דאָס איז געווען גאָלדפאדען.

Digitized by Google

עס איז דער אייבינגער „ער" און „זי", נאָר אריינגעפּאסט אין דער היסטאָרישער אידישער סביבה: ער — א זוהן פון מאַרטירער, זי — א פּעראייניגונג פון שולמית מיט א הייליגער, א בלום פון מזרח אַריבערגעטראָגען אין קאַלטען צפון.

אין די סאָנעטען איז איינהאָרנ׳ס טאַלאַנט פיעל אויסגעוואַקסען אין פערגלייך מיט פריהער. דאָס איז שוין ניט „עמיץ האָט זיך פערבענקט", דאָס איז שוין ניט א וועלט פערהאַנגען מיט זיידענע טיולען. דאָ איז דער דיכטער שוין א מאַן, וועלכער קען זיין קראַפט און זעהט קלאָר זיין אויפגאַבע און געהט צו איהר מיט זיכערע טריט.

די אידישע פּאָעזיע מעג באמת דאַנקבאַר זיין דעם צופאַל, וואָס האָט אַרויסגעפיהרט אונזער דיכטער אין דער ברייטער וועלט.

* * *

א יאָהר צעהן ווי איינהאָרן שרייבט. פאַר דער צייט האָט ער דורכגעמאַכט א לאַנגע ליניע פון ענטוויקלונג. נאָך איצט אויך, ווען איהר פערפאָלגט זיין ארבייט, פיהלט איהר, אז ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעקריסטאַליזירט, נאָך ניט איינגאַנצען געפונען זיך אליין, נאָך ניט דערגרייכט צו דער הויכער שטופע פון פאָלקאָמענהייט, וואו עס ווערען בעשאַפען באמת גרויסע ווערטען. אָבער אלעמאָל זעהט איהר אין דעם דיכטער צוויי גרויסע מתנות: די עהרליכקייט פון זיינע איבערלעבונגען און די פערבינדונג מיט א כלל. איינהאָרן איז פון די יעניגע, וואס ניט זיי געוועלטיגען איבער דער פּאָעזיע, נאָר די פּאָעזיע געוועלטיגט איבער זיי; און איינהאָרן איז דער מאַן, וואָס פיהלט יעדע רגע זיין צוגעהעריגקייט צו זיין שטאַם און וועמעס פּאָעזיע איז אַלעמאָל ניט נאָר זיין איינענע פּאָעזיע, נאָר די פּאָעזיע פון זיין גלייכען. ער קומט ווי צו ריידען אינ׳ם נאָמען פון א גאַנצען דור אָדער פון א גרויסער מאַסע גלייך־געזינטע.

דערפון נעהמט זיך די בעזונדערע ערנסטקייט פון איינהאָרנ׳ס דיכטונג. זיינע ליעדער זיינען ביי איהם א הייליגע ארבייט. ער פערהאַלט זיך צו דער אידישער ליטעראַטור איבערהויפּט און צו דער אידישער פּאָעזיע בפרט ווי צו עפּעס א גרויסע געזעלשאַפטליכע אויפגאַבע. דיכטער זיינען ניט בלויז מענשען, וואס שרייבען אָן פון צייט צו צייט א ליעד. דיכטער דיענען א גרויסען גאָט, געהען צו א גרויסען ציעל. שטראַהלען פון אָט דעם ווייטען ציעל פאַלען אויף זייער וועג, בעלויכטען זייערע בעוועגונגען, און יעדער טריט זייערער בעקומט דעריבער אן אונגעוועהנליכע, כמעט מיסטישע בעדייטונג.

איינהאָרן פערנעהמט א פּלאַץ צווישען די בעסטע קולטור־טרעגער און קולטור־אויפלעבער פון דעם אידישען פאָלק אין די לעצטע יאָהרען, און אן אבקלאַנג דערפון הערט זיך אלעמאָל אין זיינע ליעדער.

אין דעם זין — מעהר ווי אין יעדען אַנדערן — איז איינהאָרן א נאַציאָנאַלער אידישער דיכטער.

א. ליטווין:

# דער „גר-צדק" אין דער אידישער לעגענדע

(לויט אן אַלטער אידישער שריפט.)

(פאָרטזעצונג.)

עס איז גיוועזון אין סוף צווייא יאָהר, האָט ער בדענקט זיין נע ונד אין ליטאָ: דאָרטון זיצען לערנון אונ דונען גאָט. עס אוז גיוועזן פון גאָט. ער איז גיקומון אין איין קליין שטעטל בייא ווילנא. האָט ער זוך דאָרטון גיזעצט אונ אָפּ גישייד פון אַלע גלוסטיקייט. קאַרג עסון אונ טרונקון אונ שלאָפן. זיינע אויגון אין דאָס האַרץ נאָר צום לערנן.

דער פּאָטור האָט גוואַרט דעם טאָג פון זיין קומון צו הויז. עס אוז פאַר לענד גיוואָרון זיינע אויגען צו וואַרטון. וואָרום ער האָט אום זייער לוב גוהאַט, וויא זוך זעלבסט. וואָרום ער אוז גיוועזן איין קענור אַלו חכמות. דער פּאָטור זעהט, אַז ער זאָמט זוך, האָט ער זוך פאַר וואָנדערט: וואָרום זאָמון זוך דוא טרוט פון זיינו רויט וואָגון? האָט ער גושרובון צום פּופּס: עס אוז אום איין ווינדר, וואָרום קומט ער נוט צו הויז, אין שוין אַזו לאַנגע צייט קיין ברוף נוט גושוקט. אויב חלילה מיין זון אוז גושטאָרבון — שרייב מור, וועל אוך מוך טרייסטען, אוך זאָל נוט האָבון קיין האָפנונג. וואָרום פול מענטשון האָבון גוטרונקען איין כוס פון טרייסטונג.

דער פּופּס האָט זוך זייער פאַר וואָהנדרט אויף דעם ברוף אונ אום ענטפּיר גוגעבון: ווייס מיין פריינד, אַז דיין זון אוז שון לאַנג אַוועק פון אונז מוט גרוס כבוד אין פרייד, אונ פון דעמאָלט האָב אוך פון אום נוט גוהערט קיין שום שלעכט טרעפונג דורך דוא גאַזעטין, וואָס קומון מור אָן תמיד. אוך האָב גימיינט, אַז ער אוז שוין און דער היים. בומער אוז מור זייער. וואָרום אוך האָב אום לוב גיהוט, וויא

Digitized by Google

מיין שווארצאפול פון דעם אויג. בעס:ר וואלט אוך גושטארבון פאר אום. שרייב אויף דוא צייטונג, וועסט וויסון, וויא ער אוז.

דער ברוף אוז גוקומון צום פאטער, אוז ער גופאלון צו דער ערד אונ גובלובון וויא איין שטיין, אונ גוחאלעשט. עס אוז קיין נשמה נוט גובלובון אונ אום. אונ מוט פול קראפט הט מען אום דער מונטערט. מען האט אום אויף גושטעלט פון דער ערד. דענצמאהל האט ער אויף גוהובון זיין קול מוט איין גרויס גיוויין אונ זאגט: בני, בני! מיין פריינד, וויא מיין לעבון! הלואי וואלט אוך גושטארבון וואלט אוך דוך גופונון. וויא אוז דיין שונהייט, אונ וויא אוז דיין לוימודו צורה? וויא איז דיין חן פון דוא לעפצון, וואס זענון גיוועזן פול מוט חכמה אונ וויסון שאפט! ווייא גישרוגון... מיין טייער קונד אוז פאר צוקט גיווארון!... אונ (דער פאטער) האט אויף אום גוקלאגט דוא גאנצו קינה פון איכה יועם. ער האט נוט גוואלט זוך טרייסטון. ער האט איין באפעל גוגעבון דורך גוזעטון, אז עס אוז פאר פאלון איין טייערור זון צום שני למלך פולון. זיין נאמון אוז פאטאצקי. ווער עס ווייסט פון אום זאל קומון זאגון דעם פאטור. ער וועט אום געבון גרוס גוטס און כבוד אום טון (אנטאן). דו ברוף אוז צוא שוקט גיווארען. אונ אלע לענדור אויף אלע לשונות. אבער עס אוז נוט גיוועזן קיין ענטפור. עס איז גיוועזן, אז זארעמבי האט גוליינט דוא גאזעטון האט ער זוך זייער פאר וואהנדרט, דאס הארץ איז גיווארון וויא איין שטיין. ווארום ער האט זוך דער מאנט אונ דעם ראט, וואס זייא האבון באנאנד גישווארון, אונ ער האט גיוויסט, אז ער אוז אונ אמשטרדם איין יהודי. ער אוז אונ זיין חדר ארוין גוגאנגען אונ האט זייער גיוויינט, בוז ער האט שון נים גוהאט קיין קראפט. אונ פון דענסט מאל איז פאר ענדורט גווארון זיין צורה מוט דעם גושטאלט; שווארק־פונסטר גיווארון פון שונהייט אונ דר צומערט. ער האט גוזאגט: וואל אוז מיין גולובטון גוזעלון! הלואי וואלט אוך גוטאן וויא דיין טייער הארץ: ווייא אוז מור אוך האב מוך פאר אומווערדיקט אונ האב גונעמון איין גויה. וואס זאל אוך טאן מוט מיין ווייב אונ קונדער? אונ מחמת גרויס זארג האט ער נוט גוגעסון אונ גוטרונקון. ער האט זיך פאר פרעמד צוא זיין ווייב אונ קונדער. זיין שוועער האט גיזען זיין שלעכט־פנים, זאגט ער אום: ווארום בוסטו אזו פאר זארגט? אויב דוא בוסט שלאף, איז דען נושט דא ביי מיר קיין פלאסטער אונ קיין דאקטאר? פרעג מיין קונד, ווערלון זייא דור זאגען דיין קראנקהייט. זייא וועלון היילון דיין צוא בראכון הארץ אונ דיין טראערקייט. ווארום אוך האב דוך לוב, וויא מיין שווארץ אפול פונ דעם אויג. בוז האלב מלוכה וועל אוך דוך גבון.

ענפורט זארעמבי אונ זאגט: מיין שוועער אונ פריינד! אוך בון אויך גולערונט אין חכמת הרפואה. מור דאכט זוך, אז דו לופט פון דו לענדר שאט מור זייער. אובער דעם וועט נים העלפין ריצעפטון. נאר אוב אוך וועל זיך וואשען אונ גרוסען מער, וועל אוך גוהיילט ווערון. מיין ראט איז צו פארון קיין קענוגס בערג; דארטון וועל אוך, מוט גאטס הולף, גוהיילט ווערון. ענפערט דער שוועער: מיין קונד, טוא וויא דו ווילסט. אוך וועל נוט פאר מיידען פון דור קיין שום זאך. אוך וועל דור געבון, וואס דיין הארץ וויל. אוך וועל דער פולען דיין ראט, אזו וויא דיין הארץ וויא דוא קונוגרייך. נעם דור רייט וואגען אונ פול גוטס וועל אוך דור שאפען. באגלוק אונ רייט אויף איין ווארהאפטוגו זאך. דער וואס היילט צובראכונו הערצור זאל שוקון זיין הולף פון הייליגון היכל. אויך קנעכט אונ דונסטון וועל אוך דור געבון. דוא בוסט בעסור צו מור פון צעהן קינדער.

ענפערט זארעמבי: דוא האסט מוך דער נערט! אוך זאל גפונען חן אין דיינע אוגון היינטיגען טאג. דוא זאך צו טאהון. ווארום א טאג וויא איין יאהר אוז בייא מור.

זאגט דאס ווייב צו אום: פאר וואהר, דוא ווייסט, אז מיין לעבון אוז גיבונדען אין דיין לעבון. וויא וועל אוך קאנען לעבן אן דור, אז דוא וועסט מוך פאר לאזון וועל אוך שטארבן. און שוועער בייא גאט, וואס האט אונז באשאפען דאס לובשאפט אונ שוועער בייא מיין לעבן, אויב אוך וועל דוך אוועק לאזון. אוך וועל אויך גיין מוט דור. אויב נים — שטארב אוך.

זוא האט גיוויינט, אז עס האט זוא קיינער נוט גיקאנט טרייסטען אין אוים רייידען דאס הארץ. וואס עס האט גימערט צו ריידן אזו אוז זו מער טרוערוג גיווארון.

זארעמבי האט גזעהן, אז זוא שטארקט זוך צו גיין, האט ער מער נוט גירעט צו אור, אין זאגט: אז דוא ווילסט, אזוי ברוים דיך אן אונ וועג ארויין.

דאס ווייב האט אזו גיטאן. זענון באנאנד גיפארון מוט זאער טייערון זון אונ פול געלד, אין זילבער, אונ קאריטעס, און רייטור אונ פול בדינערס, אזו וויא גרויסע גרפען, בוז קעניגסברעג. זייא זענון געזעסון און איין גרוסן פאלעץ איין האלב יאהר, וויא דוא הערען. אבער ער איז פון דעם גאר נוט צופרודען גיוועזן. ווארום זיין הארץ האט אין אום גיברענט וויא פייער, פארין קיין אמשטרדם. איבער דעם האט ער גושרובען צו זיין שוועער, אז ער אוז גיקומן מוט פריד קיין קעניגסבערג אין אוז עפוס בעסיר גיווארין. אבער נאך נוט אין גאנצען. וויל אוך פארון (האט ער געשריעבען) קיין פאריז צו פארשטן דוא דאקטורים, וואס מען הערט זייא אויף דער גאנצער וועלט.

דער שוועער האט אום נאך איין מאהל גשוקט פול גאלד אונ זילבער מוט איין ברוף, אונ שרייבט: טוא וויא דוא ווילסט. דוא זאלסט ווערון גיזונד. אוך וועל דור גיבען מיין גאנץ גוטס. אוך האב דוך זייער לוב.

אז דוא ברוף אוז אן גיקומן, האט ער (זארעמבע) אפ גישוקט דוא פערד אונ וואגען און דוא באדינער צו הויז אונ ער אוז גיפארון קיין פאריז

Digitized by Google

מוט זיין וויב אין קונד. אונ פון דארט אוז ער גיפארון קיין אמשטרדם. ווארום ער האט אפ גונארט דאס וויב.

גאט האט באגלוקט זיין וועג, אונ אז ער אוז גיקומן קיין אמשטרדם, האט ער אונ דעם אויגענבלוק גיפרעגט אויף זיין חבר דעם צדיק פאטאצקי. ענטפערון זייא אום: ער אוז אוועק גיפארון אונ אוז שוין גיווארון איין יהודי. ער האט זוך באהעפט זיין לייב מוט דעם לעבידוגן באשעפור אונ און דער היילוגער תורה. ער האט זוך באשניטן דוא מילה אין דאס פאר שטאפטע הארץ.

וויא זארעמבי האט דער הערט דוא זאך האט אום זייער באנק גיטאן, פאר וואס ער האט זוך פר זאמט בוז אהער, אונ האט גיטרויערט. ער אוז גיגאנגון צוא דעם רב און זאגט אום: מיין האר, אוך בון דער חבר פון דעם צדיק, וואס האט גיהייסין פריער פאטאצקי, אונ האט אום דערציילט, וואס עס האט זוך אום גיטראפון. אונ דער רב הט דער קענט, אז עס אוז וואהר, האט ער אום גיזאגט: מרגען וועט זיין דוא זאך פון דעם ברית צוא ווישון דור אונ גאט. אוך.וועל טאהן צו דור אזוי, ווי אוך האב גטאן צוא דיין חבר. דעם אנדערון טאג שוקט דער רב ריפן אללע גרויסע לייט אונ חכמים, אונ דוא גאנצע ישיבה, אונ מהאט גומכט א ברית מילה, אום מוט זיין קונד. זיי הבן גמכט א גרויסו סעודה אונ אום גגבן איין באזונדר חדר, אונ אלס זיין באדערפונוש מוט באדונער, ווערלוג זיין כבוד. אונ האט גיגעסון בייא דעם רב הצדיק.

דאס וויב האט גיזעהן אונ צווייא טאג, אז דער מאן קומט נוט צו הויז, אוז זוא גיגאנגון אום זובען, אונ האט גיוויינט. זיא האט נוט גיוויסט דו זאך. זוא האט גיטראכט: אפשר אוז ער דער טרנקען גיווארין, אדר גישטארבין. אונ דאס הארץ האט אור גיזאגט, אז ער האט זוא אוועק גיווארפין אונ אוז אנטלויפון פון אור, ווארום זיין ווילען אוז גיוועןן ווייט פון אור. עס אוז גיוועןן, זוא האט נאך גופארשט אויף אום, האט מען אור גוזאגט, אז ער אוז גוגאנגון מוט דעם זון צום רב. זוא אוז גולאפון אויך צום רב מוט פרייד, אונ קומט אונ הויף אריין, פרעגון אויף דעם מאן מוט דעם טייער קונד. וויא זו אוז גוקומון צו דער טור, האט דער הוטר זוא נישט גיוואלט אריין לאזען צוא אור מאן, אונ זאגט אור: וואס קערסט דוא זוך אן מוט אום? פאר וואר, ער אוז שון איין יהודי; ער האט זוך שון כורת ברית גיוועןן דוא מילה אונ דאס פאר שטאפטע הארץ אפ גושנוטון, אונ דעסט גלכון זיין זון. אזו דוא לאגע פון דער היילוגו תורה.

זוא האט דר הערט דוא רייד פון דעם הוטער פון דער טור, פלוצלונג *), דוא זאך אזו (ווי) דער צדיק אור מאן הט אן גוזאגט, אוז זוא זייער דער צוטערט גיווארון, אונ אוז ארום גוגאנגען מוט שרעק אונ איילונוש אונ גושרוגון מוט איין גרויס בוטער קול, אונ זאגט: איין קלאג אוז צוא מור! מיין מאן אוז גיווארון א יהודי. דאס הארץ האט אור גיקלאסט אונ (זי) אוז גיפאלון אויף דער גאס חלשות. האבון זוך איין גוזמולט פול מנען אונ ווייבר, אונ האבון זוא אויף גיהויבין פון דער ערד, אונ גישטארקט אור הארץ. זיי זאגן אור: וואס אוז דור, וואס דוא שרייסט? פאר וואהר, ווייסטו דען נישט, האסטו דען נוט גיהערט, אז אלע טאג קומן גוים פון עק וועלט צו זעהן גאטס כבוד און דוא היילוגע תורה, דוא באגלייבטע. עס וועט דור אצינד בעסער זיין, וויא פריער. דו דארפסט זוך פרייען, אז דיין מאן, דער פריינד, האט זוך באהעפט אן דעם לעבעדיגען באשעפער. ער האט זוך אפ גישייד פון דוא פרעמדע נארישקייט, וואס האט נוט קיין ווערט. אצונד גייא און עס מוט פרייד דיין ברויט. פון אום זאלסט זעהן, און טוא אויך אזו. איר זאלט זיין אין אייגם באהעפט אין דער וואהר גלויבונג. דוא וועסט זיין, וויא איין פרוכטיגער וויין־שטאק.

(שלום קוממ.)

*) ד. ה. זי האט עס ניט ערווארט.

# פאלען שנעעלעך פון הימעל

י. אדלער:

פאלען שנעעלעך פון הימעל,
דאכט זיך, קארשען־בליהטען וועהען;
דאכט זיך, פעדערליך פון טויבען
אין דער ווייסער לופט זיך דרעהען.

פאלען שנעעלעך פון הימעל,
דאכט זיך, ווייסע פונקען שטראהלען;
דאכט זיך, ווייסע רויזען־בלעטליך
אין דער לופטען פאלען, פאלען.

פאלען שנעעלעך פון הימעל,
דאכט זיך, ווייסע ליליען בליהען;
דאכט זיך, אין דער לופט דער ווייסער,
ווייסע זומער־פייגעל פליהען...

פאלען שנעעלעך פון הימעל,
נעהמט עס בליהען אויף די שויבען;
בליהען, שפראצען ווייסע רויזען;
הויב איך אן אין כשוף גלויבען...

פראסט און שנעע און זומער־פייגעל.
גאט, וואס איז דאס פאר א צווילינג!
בליהען רויזען דען אין טבת,
פאלען שנעען דען אין פריהלינג?...

Digitized by Google

גאנגען, האבען די תימנ׳ער ווידער הונגערן אנגעהויבען, טראץ דעם וואס די ציוניסטען און סתם אידען פון אמעריקא פערלאזען נישט די אידען פון ארץ ישראל און גרויסע סומען געלד קומען אן אויף די אמעריקאנער קריעגס־שיפען.

און אזוי געהט עס מיט די תימנ׳ער ביז היינט צו טאג, נאך די אלע גרויסע פערזאמלונגען און שעהנע רעזאלוציעס פון די ציוניסטישע פארשטעהער און הויפטזעכליך פון די בעוואוסטזינינע ארבייטער אין ארץ ישראל, אז מען דארף בעטראכטען די תימנ׳ער ברידער פאר גלייכע מענשען— נאך אלעם דעם איז פאר די אנדערטהאלבען יאהר נישט פערגעקומען קיין שום ענדערונג צום בעסערען אין דער בעהאנדלונג פון די תימנ׳ער.

דאס אויבען דערמאנטע ארבייטער דערפעל מיט דעם שעהנעם קלינגענדען נאמען „נחלת־יהודה” איז שוין באלד פערבויט געווארען מיט פיעלע הייזלעך פאר די אשכנזישע ארבייטער, וועלכע האבען נעקראגען די 11 דונאם לאנד, טויזענד פינף הונדערט פראנק אויף א הייזעל, און אויך קרעדיטען אויף א שטאל און בהמות, און דאס אלעם אויף פינף און צוואנציג יאהר אויסצוצאהלען מיט קליינע פראצענטען, און זיי וועלען נאך דערצו קריגען אלע ווילע נייע המיכה׳לעך און הלואות וועלכע די ארבייטער וועלען געוויס נישט האבען פון וואנען אבצוצאהלען, ווי געוועהנליך. אין דערזעלבער צייט געהען נאך אליין די שלוחים פון דער תימנ׳ער עדה צום דאקטאר רופין, דער פארשטעהער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ארץ ישראל, און זיי טענה׳ן צו איהם זייער אלטע טענה: מען זאל זיי, ווי די אידישע ארבייטער פון רוסלאנד, פון גאליציע, אויף די זעלבע בעדינגונגען שטיקלעך לאנד און הייזלעך אויף צוואנציג־פינף יאהר אויסצוצאהלען געבען — זייער אלטע טענה, אז מען זאל זיי גלייך ווי אלע אנדערע אידישע ארבייטער פון לאנד בעהאנדלען.

אזוי טענה׳ן זיי. און מיט אמאל צינדט זיך אן אין זייערע אויגען א פייערל פון כעס, און זיי גיבען א שליידער דעם דאקטאר רופין די בעשולדיגונג: „קנעכט זיינען מיר געוועזען אין גלות־תימן ביי די אראבער און זייערע פרעה׳ס הערשער, און פאר קנעכט ווילט איהר אונז מאכען ביי די קאלאניסטען אין ארץ ישראל און ביי די ציוניסטישע פארשטעהער. אונזערע מענער זיינען געווארען שקלאפען ביי די קאלאניסטען, און אונזערע פרויען און טעכטער דיענסטען ביי די קאלאניסטישע פרויען, און צוליעב דעם האט איהר אונז ארויסגענומען פון תימן?”

די בעשולדיגונג פון די תימנ׳ער אויף דאקטאר רופין איז געוויס אן אומזיסטע. ער האט זי געוויס נישט פערדיענט, נאר די תימנ׳ער זיינען שוין אזוי אנגעשראקען פון די גרויזאמקייטען פון א טייל קאלאניסטישע בעהאנדלונגען, אז אין אלעם און אלעמען זעהען זיי נאר אונטערדריקער, וואס ווילען פון זיי נישט אנדערש ווי קנעכט מאכען. אט צו וואס פאר רעזולטאטען האט מיטגעבראכט דאס וואס די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט איבערגעגעבען זיי און זייער שיקזאל אין דעם שלעכטען רשות פון די ארץ ישראל׳דיגע קאלאניסטען די בועזים.

דאס איז דער שיקזאל פון די אומגליקליכסטע, דערשלאגענסטע, פעראכטעסטע צווישען אלע אומגליקליכע, דערשלאגענע, פעראכטעטע ברידער אונזערע!

א. ליטווין:

# דער „גר-צדק” אין דער אידישער לעגענדע

(לויט אן אלטער שריפט.)

(פארטזעצונג.)

זי האט דער הערט דוא רייד וואס גייאן ארוס פון זייער ריין מויל, אוז איר איין גיגאנגון אין הארצען, אין (זי) האט פאר שטאנון, אז דוא שפראך אוז וואהר, אין עס איז וואול גיפעלין אין אורע אויגן. ענטפערט זוא זיי: אור זאגט גירעכט, מיין גיליבטו. איך וועל טאן אזו, ווי אור זאגט. אין דעם אויגן בלוק אוז זיא גיגאנגען צו דעם מאן און זאגט דעם היטער: איהר זאלט זאגן דעם מאן, אז זי וויל אויך זיין, וויא ער אונ דער אמונה. האט דר הוטער אום (זארעמבען) גיזאגט: אזו האט דיין ווייב גירעט. האט דער צדיק גיזאגט: זוא זאל ארוין גיין. וויא זוא חאט דר זעהן דעם מאן מוט אור קונד, אוז זוא גיפאלון אויף זייא מוט גרוים גיוויין, אין גרוים שמחה, אין זאגט צו אום: דער צייל מור, מיין האר, דאס גרושקיים, ווי אזוי ביסטו גיקומען צו דעם גרוסקיים, און דורך וואס ביסטו גיוויסט גיווארון אונ אזאלובע זאך? וויא אזוי האסטו גיפינען דוא וואהרע גלובונג? לאזען אריין גייען דיינע זוסע רייד אין מיינע אוהערון (אויערן).

דער צדיק האט אור דער ציילט אלע טרעפינג, וואס האט זיך אום גיטראפון מוט זיין חבר פאטאצקי, פון אן הויב בוז סוף. דער נאך זאגט ער צוא אור: גיי ארוס פון מור, ווארום איך בון איין יהודו און בון וויא איין קליין קונד, וואס

Digitized by Google

אוז ערשט גיבוירען, אונ דוא בוסט איין גויה; קען אוך מום דור נוט ריידען צו פיל. ווארום אין אונזער היילוגר תורה שטייט, מען זאל זוך נוט קערון צו דוא אלילים. אונ (ער) האט גוזאגט צוא זיין באדינער, ער זאל אור הייעסן ארוים גייען און נושט אריין גייען. ענטפערט זוא אום: מיין פריינד, אוך וועל דור אנטפלעקין מיינע באהעלטנוש פון דעם הארצען. זונט און' בון גיקומן צו מיין שכל, אז אוך בון גיוועזן אונ דר יוגענט, האב אוך פאר שטאנגן, אז דוא יודושע אמונה אוז וואהר אונ אלו אוברוגי איז פאלש. ווארום זייא היבען געטעס גובאט באמת, אין שבת רוען אלע, קליין אז גרויס, ארום אונ רייך. ווען איין מענטש זאל זייא געבון אלו גוטס, זייא זאלון פאר שטערן דו תורה צוא פאר בוטען אונ שבת, וואלטון זייא נושט גינעמען. אבער בייא אנדערו פעלקור אוז נושט אזו. עס אוז ווי איין גולכטור צוא טואון איין ארבוט, ווען זיי טארען נוט. זיי פארשטייען אליין, אז זייער דת אוז אונ לערקיים. וועגון דעם, פון מיינוס וועגון, האב אוך גוקופט ביי דוא יהודים, וואס האבון גוואנט אונ אונזר דערפר. וואס פאר איין גוטס אוך האב זיי גוקענט טאהן, האב אוך גוטאהן. ווארום מיין נפש איז באהעפט גיוועזן אונ זייא, אונ גרוס לובשאפט האב אוך זייא לוב גוהאט. אובר (איבער) דעם האב אוך מום זייא גוטאן גנאד. אצונד דארפון מור לובון (ליבען) דעם באשעפער אויף דער גנאד, וואס ער האב גטאן מום אונז. ער האט (אונז) ארוס גונומן פון דר פונצטר צו דר לעבט. דער בשעפר זאל זיך דר בארומן אויף אונז, אז מור זאלון זיין באהעפט אונז אום (אין איינעם) בוז אייבוג. זאלסט מוך נוט בעטון, אוך זאל דוך פאר לאזן. נאר דער טוט וועט מאכון איין שייד צו ווישן אונז. אוך בון מקבל באהבה אויף מור דעם יודושן דת. אוך וועל (דיך) ניט פר לאזן בוז אייבוג. אזו זאל גאט מור טון אונ אזו זאל ער מערון, אוב אוך וועל מוך אפ שיידון פון דור וויל אוך וועל לעבן. זו האט אן גהלטן אונ זיין הנט (האנד) אונ האט גשריגן מוט איין גרוס קול: מיין פריינד פר לאז מוך נוט, זאלסט מוך נוט אום קערון פון דעם דת אמת. אוב ניט פון מיינט וועגון, טוא וועגון דעם קונד, ער זאל נוט בלייבון איין יתום ביי דר מוטרס לעבון אונ הט גיוויינט אוף דעם זונס האלז, בוז דו טרערן האבן פר פליצט, ווי איין טאך.

אז דער צדיק הט גוהרט דעם ווייבס רייד, וואס זו רעט פון דעם הרצן, האט ער זוך דר ברומט אוף אור, אונ הט אוך גיוויינט שטארק. דר נאך האט ער אור גוזאגט: אוב דיין הארץ איז, וויא דיינו רייד, — גייא צו דו פרומו ווייבר; וויא זייא וועלון דור זאגון, אזו זאלסטו טאן נוט אפ קערן, רכם אונ לונק.

ער האט נאך נוט ארוס גירעט דו רייד אונ גאנצן פון זיין מול, אוז זוא גלאפן צו דעם ווייב פון דעם רב אונ אוז גופאלון אויף אור פנים אונ צו דר ערד גובוקט, אונ זאגט צו אור: העלף מור! דר ברם זוך אוף מיין נשמה! בהעפט מוך צו דער יודשר תורה. ווארום אוך בון שלאף דארך ליבשאפט פונג דער תורה. ענפרט דאס ווייב פון דעם רב: מיין טכטר, דו זאך קאן אוך אליין נוט טאן. אונזער תורה אוז נישט גגעבן פר ברגן, אז עס אוז פול מענשן, אוז איין שונהיים פר דעם מלך. זו האט גשקט נאך דוא טייערו ווייבר, וואס אונ שטט, אונ (זיי) זענן אל גקומן צו אור, אין דם ווייב פון דם רב האט גרט (גערעדט) מוט אור, וויא נעמי מוט רות. אונ זוא גענפרט, וויא אור ריין הארץ, מוט יראת השם. זייא זענן אלע גגנגון אינ בית הטבילה. אונ זו זאגט צוא זייא: ווען עס וואלט מוגלך (מעגליך) גוועזן אום צו קומן אוף קידוש השם, וואלט אוך זוך גפרייד, מר (מעהר) ווי מיין חופה. אוך ווייס אז דו וועלט אוז נארוש, דער עיקר אוז עולם הבא. ענפרן זיי: גבנטש בוסטו צו גאט, אז דו בוסט גקומן בשיצן אונטער זיינו פליגל. דיין חלק זאל זיין אונ גן עדן מוט דו אמהות. זייא האבן זו גטובלת בדת, אונ (זי) אוז גקומן צו אור מאן, דעם צדיק, אונ זאגט: גבענטשט אוז גאט אז אוך בון פר קערט גווארן צו זיין איין יודנע. אויך פול (איך פיהל) מער לעבט אין מיין נשמה, וויא עס אוז גרעסר לעבט פון פנסטר. ענטפרט דר צדיק: וואהל אוז צו דור! אונ איין צייט ארום וועסטו מער פולן (מעהר פיהלען) אונ פרייען, וואס דוא האסט פר בוטן דו וועלט פר ייענע וועלט. וואהל אוז דור! ווי גוט אוז דיין חלק אונ וויא זוס אוז דיין גורל! נאר, מיין גזעלון, מיין ראט אוז, וויא מיין קליינור שכל, אז עס אוז גוט צו אונז מור זאלון זוך צו טיילון: איך וועל נעמן איין יודשע טאכטר אונ דו איין יוד. וועלון מור קענן אפ הוטן דעם יודעשן דת. דיין מאן, וואס ער אוז גווינט און דעם דת, וועט דוך מזרז זיין אפ צו הוטן יודשקייט; אונ מיין ווייב מוך דסטגלייכן. אבער ווען מור וועלון זיין אונ איינם, האב אוך מורא, טמור וועלן מור נוט הוטן דם דת אונ גאנצן. ווארום עס איז דא אזעלכע גיבאט, וואס אונז ווייסן נוט אונ מור וועלן פר לורן דס גאנצו יודישקייט. דער טייערו דת אוז נוט גרונג אפ צו היטן. אזוי איין טייערו זאך אוז שווער צו בקומען אונ גרונג פר לירן, אזו ווי די גמרא זאגט אוף דם פסוק: לא יערכום זהב וזכוכית. אונ דס גווינונג (געוואוינהייט) גוועלטיקט אוף אלע. אזו ווי דו חכמים זאגן: אז איין גווינונג און דוא אנדערו טבע. אונז זענן גבורין גוים. האבן מור זוך גיוויינט אונ אלע טמא זאכן. אונ נאך האב אוך זארג: טאמר וועט בגלוקן דער שטן, וואס שטייט אנטקוגן אונז צו פר שטערן. ער אוז אונז מקנא נאך דעם מור האבון (איהם) פר לאזט און אוועק גווארפן. טאמור חלילה ווען עס וועט אונז ענג זיין, וועלון מור נוט קענן בשטיין בייא דער פרוב, און מור וועלון זוך אום קערון, חלילה, אונ, בפרט, דוא ווייבר אוז גרונג אובר צו ריידון. דו דרפסט דוך אפ הוטן מוט דיין נפש. אז דער שטן זאל דוך נוט אוועק קערון פון גאט. אובר (איבער) דעם

Digitized by Google

מיין לוב ווייב, פאר נעם דו עצה אונ שייד דוך אָפּ פון מיר, וועלון מור קענון טאָן אונזר ווילון. איך האָב דוך לוב ווי דכ שוואַרצי פון דעם אוג, איין לוטר (לויטער) ליבשאַפט, אָן איין זך (אָהן אַן אייגעננוין). אונ עס אוז מור זייער שווער אָפּ צו טייהלן זוך פון דיר, אזו דס נפש פון דעם לוף. נאָר ווייל איך וויים אז עס אוז דור איין טובה, ווען דו וועסט זיך אָפּ טיילון פון מור, האָטשו מור איז איין רעה, זאָג איך דור: זאָלסט אַוועקגיין פון מיר, דען גאָטס לובשאַפט אוז גרעסור פון מיין לובשאַפט. פון גאָט גומון אַרוים אַלו לובשאַפט אין קערן זוך ווידער אום צו גאָט. אצונד, מיין פריינד, טוא, וויא איך זאָג דור, וועסטו לאַנג לעבן.

וויא זו האָט דער הערט דו זוסו רייד פון מאָן, אוז זו פאַר שעמט גיוואָרון אונ דער צוטרט אונ זאגט צו דעם מאן מוט איין בוטער גומוט: מיין פריינד, פאַר נעם מיינו רייד! איך וועל דור זאגון איין משל: צוויי מענטשן האבן גיבלנזט אונ וואַלד, פול טעג. בוז זייא זענן גיוועזן שטארק הונגרוג. האָבן זייא גושרוגון צוא גאט, אונ גאָט האט זוי אַרוס גופורט אוף דעם וועג. האבון זייא גוגעבון גאָט איין לוב אוף דו ווינדער, וואָס ער האט גיטאָן מוט זייא. דער נאך זאגט איין מענש צוא זיין חבר: שייד זוך אָפּ פון מור. ענטפערט ער דעם חבר: דיינו רייד אוז נוט רעכט. ווען מור האבון גבלאָנזט, האבן מור זוך נוט צו טיילט, אונ היינט, אָז גאָט דער לאַבט (דערלייבט) אונזר וועג, זאלון מור זיך צו טיילען? ! מיין פריינד, אזו טוט מען נוט. אזו אונז אויך.. מור האָבן גבלנזט אונ דער אמונה איין צייט, וואָרן מור זענון גי־גאַנגון אונ דער פונסטר. אצונד, אַז גאָט ב"ה האט זוך דער ברומט אובר אונז אָונ האָט אונז אוס גוצוגון פון דעם וועג, אונ פורט אונז אונ דעם רעכטן וועג, זאלון מור זוך צוטיילען! נוט אזו, מיין פריינד! וויא מיר האבון גבלאָנזט אונ איינעם, אזו וועלון מור זוך האלטון באנאנד, צו גיין אונ רעכטן וועג. מור וועלון פאר געסן אונ־זער פאָלק אונ דוא גאנצו משפחה, גלייך וויא מור זענון גובורון יודון. מור וועלון מצליח זיין אונ אונזער וועג. מור וועלון מקיים זיין דו גאנצו תורה.

ווען זוא האָט גורעט צו עס, האָט זו זייער גי־ווינט. זוא האָט דוא אוגון צוא דעם הימול אוף גהובען אונ האָט גזאָגט: גאָט! דוא ווייסט מיינו מחשבות פון מיין האַרץ. גוב מור חן בייא מיין מאַן אונ בייא דוא פרמע (פרומע) ווייבער. זייא זאלון מוך לערנן אונ דעם גטען וועג, אין זאָלסט מוך נוט אָפּ שיידון פון מיין מאָן אונ מיין קונד. אונ אוב נוט — אוז ביי מור בעסר מיין טוט, אונ איך וויל ניט לעבין. איך זאָל ניט זען מיין רעה. גאָט! לערן מוך דיינע וועגן, אונ בייג מיין האַרץ צוא דער תורה! מיינו אוגון זאלון נוט זעהן קיין פאַלש אונ שוק מור דיינו הייליגו מלאכים, זייא זאלון מוך הוטן פון אַלע שלעכץ. גוב מור אריין הארץ, זאָלסט מוך נוט אַוועק קערן פון דור, אמן.

וויא דער צדיק (האָט) גיהערט אורע רייד, אז זיי גייען ארוס פון דעם האַרצען, האָט ער פאר שטאנען אור גרוס צדקת, אז אור בונה אוז פון גאָט וועגן, זאגט ער צו אור: מיין פריינד, ווייו נוט! איך שווער ביי גאָט, וואס האט גגעבן דאס נפש, איך וועל זוך פון דור נוט אָפּ שיידון, צייט מיין לעבן. נאר דער טוט וועט מאכון איין שייד צוא ווישען אונז. אָבר איך מיז דוך מקדש זיין מוט חופה אונ קדושין. ער האט באַלד אזו גטאָן, אונ איין חופה גשטעלט, אונ האָט גוזאָגט צו אור מוט גרוס פריוד: „הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל“ אונ האָט גימאַכט „שהחיינו“. יודן האָבען זייא געבענשט אונ האָבן גזאָגט: גבענשט זאָלט אור זיין צוא גאָט, אייער הויז זאָל זיין וויא בית פרץ; אור זאָלט זעהן הייליגע קונדר; גאָט זאָל אייך דער לענגורן דוא יאָרן אונ גוטען צייט זייער לעבן. האבן זייא גלערנט תורה אונ גאָט גדונט אונ שטאָט אמשטרדם. זייא האָבן גהאַט זון און טעכטר, אזונע וויא זייא, אונ אויף דער עלטר זענן זייא גפאָרן קיין ארץ ישראל, אונ האָבן עושה פרי גווען. אונזער חלק זאָל זיין מוט זיי אונ דעם פול גוטס, וואָס עס אוז בהלטען צו די צדיקים אמן:

(ווייטערעס קומט.)

# ווי מען דאַרף פערשטעהן קונסט

## (די ליניע אין מאַלעריי)

סאַול ראַסקין

די דריי גרונד עלעמענטען פון א בילד'ס קערפער, אזוי צו זאגען, זיינען: ליניע, ליכט און פארב.

ליניען זיינען אין דער נאַ־טור ניטאַ. קוקט זיך צו און איהר וועט קיין ליניע געפינען ניט אין בוים, ניט אין מענשליכען פּיו־ ניט אין בארג, ניט אין וואַסער. נעהמט א פאָטאָגראַפיע, וואס איז דאָך די פּינקטליכסטע קאָפּיע פון דער נאַטור, און זעהט צי איהר געפינט דאָרט ליניען אָבגעפאָטאָגראַפירט? קיין ליניען. עס זיינען דאָ בלויז ג ר ע נ ע צ ע ן, מערקט אייך, צווי־שען איין פארב און דער צווייטער, די גאַנצע נאַטור איז פאַר דאס אויג צוזאַמענגעשטעלט פון

Digitized by Google

פּלוצלונגער און ברעכט זיך אָפּט איבער נאָך איידער ער ברעכט וויכטיג אויס ; אנשטאט אויף דער גרופּירונג פון עפּיזאָדען ווערט גאָר א סך מיה אוועקגעלעגט אויף דער אויפצויבערונג פון אטמאָספערע.

דיזער אומשטאנד איז ווארשיינליך די הויפּט אורזאַך, פאר וואָס הירשביין איז אויף דער גרויסער אידיישער ביהנע פון אמעריקא פּאַקטיש נאָך ניט געשפּיעלט געוואָרען. די שולד איז יעדענפאלס ניט הירשביין'ס, דאָס איז בלויז נאָך א באַווייז פון דער ריקשטענדיגקייט און ניט־דערוואקסענקייט פון אונזער טהעאַטער. אויף דער אייראָפּעאישער ביהנע און ביי געשולטע און ערנסטע שוישפּיעלער איז די שטימונגס־פּיעסע היינט ניט ווייניגער גאַנגבאַר איידער די געוועהנליך־רעאַליסטישע אָדער ראָמאַנטישע דראַמע אָדער קאָמעדיע. איבריגענס האָט הירשביין אייניגע פּיעסען, ווי א שטיינער „די פּוסטע קרעטשמע" און „אין א פערוואָרפענעם ווינקעל", וואָס קענען צופריעדענשטעלען אלע פאָדערונגען פון דעם רעאַליסטיש־פּראָסט־חי־וקים'דיגען רעזשיסער און צושויער. און דער פאַקט איז, דאָס אייניגע פון הירשביין'ס פּיעסען זיינען אין רוסלאַנד טאַקע געשפּיעלט געוואָרען, און מיט ערפאָלג.

אָבער דער תוהו ובוהו פון אונזער היגער ביהנע שליסט דערווייליע אוים די האָפענונג באלד צו זעהען דאָ הירשביין'ס פּיעסען אין א פּראָפעסיאָנעלען טעאַטער. פאָרלויפיג לאָמיר זיך טרויסטען מיט די דראַמאַטישע פעראיינען, וועלכע האָבען אימער פערשטאַנען ווי אָפּצושעצען הירשביין'ס פיינעם ווערט, און האָבען אויך, וועדליג זייערע אָרימע מאַטעריעלע מעגליכקייטען, גאַנץ פיין פערשטאַנען ווי אזוי דיזע פיינקייטען ארויסצוברענגען אויף דער ביהנע. די אויפפיהרונגען פון „איינזאַמע וועלטען", „אין דער פינסטער", „תקיעת כף", „דער לעצטער", „אין פערוואָרפענעם ווינקעל", אין פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלאַב און פון „יואל", „קברים־בלומען" א. ז. וו. אין אַנדערע דראַמאַטישע פעראיינען געהערען זיכער צו די בעסערע גענוסען וואָס דאָס בעסטע פון אונזער טעאַטער־פּובליקום האָט געהאַט אין די לעצטע צעהן יאָהר.

---

איך וויל ענדיגען מיט נאָך אייניגע ווערטער וועגען הירשביין'ס שפּראַך און סטיל, וועלכע געהערען צו די בעסטע און רייכסטע אין אונזער ליטעראַטור.

הירשביין'ס שפּראַך איז געלייטערט קלאָר און איינפאַך, זיינע ווערטער און אידיאָמען זיינען אזוי עכט, אזוי היימיש, דאָס זיי טראָגען דעם לעזער אריבער אויף דער ערד, וואו זיי זיינען אויסגעשמיעדט געוואָרען. זיי אָטעמען מיט ערד־גערוך.

הירשביין'ס שפּראַך און סטיל געהערען צו די רייכסטע אין אונזער ליטעראַטור. אַלערליי ווערטער און אויסדרוקען האָט ער אין זיין אוצר: אי די פון דער גרויסער שטאָדט, אי די פון אָפּגעלעגענסטען ווינקעל ; סאי די פון היינטוועלטיגען אינטעליגענט, און סאי די דאָזיגע פון פערצייטיגען ישוב'ניק. ער האָט די נעהעריגע ווערטער און שפּראַך־שאַטירונגען פאַר יעטווידען סאָרט מענשען און פאַר יעטווידען ענין. די שפּראַך פון דאָרפישען שניידער אליהו אין „יואל" איז גרונד־פאַרשיידען פון דער שפּראַך פון זיין עילוי'שען זוהן און זיין רבין דעם רב, און די אויסדרוקס־ווייזע פון דער ראָמאַנטישער חוה'ן איז גאַנץ אַנדערש פון דעם לשון פון איהר מוהמע, דער שניידערקע. און ווען יואל אָדער ר' בנימין (פון „לעצטען") רעדען פון תורה און ערנסטע רעיונות, שפּירט זיך אין זייער שפּראַך דער בעזונדערער אָריענטאַלישער אַראָמאַט פון תנ"ך ומדרשים.

מיט דער איינפאַכקייט, הויטערקייט און רייכקייט פון זייער שפּראַך אַליין זיינען הירשביין'ס פּיעסען א פיינער געווינס פאַר אונזער ליטעראַטור.

א. ליטווין :

# דער „גר-צדק" אין דער אידישער לעגענדע

(לויט אן אַלטער שריפט.)

(פאָרטזעצונג)

אונ דר צדיק פּאָטאָצקי אוז גיפאָרון קיין ליטא מקיים זיין „הוי גולה למקום תורה". ער האָט געהאַלטען אלע מדות חסידות, וואָס דו חכמים זאָגן. ער האָט ניט מבטל גוועזן איין רגע פון תורה אונ תפלה. זיין האַרץ האָט געברומט וויא דער ים אין דער תורות. ער האָט זוך גבנגט (געפּייניגט) פון אלע זאַכן. זיינו שבחים אוז נוט צו דרציילן.

בשעת תפלה האָט ער פאַר פלייצט מוט זיינו טרערון, אזו וויא איין באַך, אונ מוט פרייד.

עס אוז גוועזן אַ טאָג אונ ער אוז גגאַנגן אונ שול אריין, האָט ער זוך פול מאָל גובוקט, מחמת יראה. וויא ער הייבט אוף זיינו אוגון, זעהט ער — איין שנדרס אַ זון שפּרונגט אונ שפּעט אקוגען דעם ארון קודש, אָן אַ הוטול אויף זיין קאָפּ. האָט דאָס עם פאַר דראָסן אונ זאָגט צו

Digitized by Google

עם: הוי עז פנים! ווארום האסטו קיין מורא נוט פאר גאט אונ שטייסט אונ זיין הויז בגילוי ראש! זעטץ אוף דוא הוטול אוף דיין קאפ! ענפערט דער יונגר רשע: ווער האט דוך גומאכט פאר איין מענש מוך צו שטראפון; בדענק דיינו ערשטו מעשים, אז דוא בוסט גוועזן איין גוי, וואס טוסטו דא? (און ביזט) נוט אונ בית תפלה פון די גוים. ער האט עם פול גופלוכט אין זייער מבזה גוועזן.

דר צדיק האט נוט געגנפרט פון גוט בוז שלעכט. ער אוז גוועזן איין שפל פר אלו מענשן. מען האט עם מבזה גוועזן אונ ער האט יענעם נוט מבזה גוועזן. נאר דס הט ער גזאגט: אוך בון זוכער, אז ער אוז נוט קיין יהודי, ווארום איין יהודי אוז איין בישן אונ ער איז איין „עז פנים", געך וועט ער זוך קערון צו זיין שורש. ער וועט זוך כופר זיין. אונ דאס אוז ידוע אז איין חכם אוז בעסער, וויא איין נביא. איין רוח הקודש הט גורעט אונ עם. אונ צוויי וואכן ארום האט ער זוך כופר גוועזן, אין זיין פאטור, דר רשע, הט גהערט, ווי עס אוז מקוים גווארן דו רייד, ווס דו מענטשן, וואס זענן גיוועזן אונ שול, האבן דער ציילט, אוז ער גגאנגען צו דעם שר פון דער שטאט, אונ זאגט עם: זיי וויסען, אז דעם דוכוס זון, פאטאצקי, זוצט אונ בית המדרש. ער אוז איין יהודי. אונ אוז מבזה אייער אמונה. אצונד שוקט מענטשן אונ נעם עם און תפיסה פר זיין אנטלופון.

אונ דער שר האט אזו גטאן. ער אוז גוקומון מוט דריי הונדרט מן און הט ארום גרונגלט דו שטאט. ער הט עם גחאפט מוט אייזרנו קייטון אונ תפוסה אריין. דער צדיק האט גשטארקט זיין הארץ אונ גאט, אונ האט זוך גפרייד, ווארום ער האט גוואלט אום קומון אויף קידוש השם. אוז גקומון דס ווייב פון דעם שר אונ זאגט צו עם מוט אור חן: מיין פריינד, פאטאצקי, זאג מור, וואס אוז דור געווען? און פון וואנון אוז צו דור גוקומען דער רוח רעה, משוגע ווערון, צו זיין איין יהודי? גדענק, אז דו בוסט גיוועזן איין גרוסר דוכוס אונ בוסט גפארון אונ דר קארטו; דו פערד האבון גושפרונגון; דיין פנים האט גלאכט (געלויכטען), וויא דו זון. אצונד טרערון דור דו אוגון. דיין גושטאלט אוז שווארץ גיווארון, זונט ווען דו בוסט איין יהודי. פאר וואר, זיי זענון שפלים אונ מבוזה, גנבים אונ כל מום רע. גדענק דיין גלוסטקון פאטור אונ מוטר, אונ דיינו שוועסטר און ברודר, דו גאנצע משפחה! ווארום האסטו דוך בהעפט מוט זיי? זייערו וועגון אוז פר קרומט. אוך וויים אז דוא האסט אוך חרטה. נאר דוא טראכסט זוך: וואס קאן אוך טאן, ווייל אוך האב גזונדגט אקעגען מיין פאטור אונ מוטר אונ אקעגון דער גאנצר משפחה. אבר (איבער) דעם פארכסט דו דוך צו קומן פאר זיי. אבר עס אוז נאך דא איין רפואה. אוך וועל זיין איין מליץ פאר דור ביי דיין פאטור, אז דו בוסט נוט שולדג און דר זאך. ווארום דו יודן האבן דוך אראפ גפורט פון דעם וועג מוט לוגן. זיי האבן דוך אובר גורעט מוט זייער נארישקייט. וועט ער דוך מקבל זיין מוט גרוס כבוד אונ לובשאפט. מיין פריינד, האב נוט קיין פארכט! ראט מוט מור אוף דעם רייט וואגון צו דיין פאטור און מוטר אונ צו דר גאנצר משפחה. אוך בון דור איין ערב, אז זיי וועלון דוך מקבל זיין מוט פרייד. דו וועסט נוט פר שעמט ווערן. אוך וויים, אז יעדער וועט דוך בעסער לוב הבן פון אלע קונדער. ווארום דו בוסט גלערונט מוט פול חכמות. נאר דורך דו חכמה בסטו גשטרבולט גווארן. אוף דיר זאגט דר חכם: אל תתחכם הרבה פן תשומם. אוז טייטש: דו זאלסט נוט קלוגון צו פול. דיין פאטור אוז שולדוג אונ דר זאך, ווס (וואס) האט דוך גושוקט קיין רום צוא דעם פופס לערנון. ער האט מבלבל גיוועזן דיין מות, מער ווי מי דארף.

נאך מער האט זו גורעט צו אם ריידון פון גאט. זו האט גמיינט, ער וועט זוא פאלגן. אבר דער צדיק האט אן גגרט (געגורט) זיין לענדון און דר אמונה אונ ענפרט אור: שווייג, דו נאר! קער אפ פון מור! גיי דור דיין וועג, עס זאל דור פאר שטומט ווערן דיין מויל אובר דיינו רייד. דו רטסט (רעדסט) לוגון. ווען דו זאלסט זיין גולערונט, וואלט אוך מוט דור פאווערט *, אוך זאל דור ווייזען אז אור מוט אייער עלטרון זאגט לגנט. נאר דו ווייסט ניט קיין חילוק פון גוט בוז שלעכט אונ דעם דת. דוא האסט נוט גלערונט קיין הכמה אונ נאך וואס זאל אוך איין בווער (באווער) ** האבון אום זוסט צוא מערען רייד מוט איין אשה, וואס זו האט קיין חכמה נוט. זאג מור: פון וועמון האסטו בקומון דוא חכמה? גייא אוועק פון מור, אונ זאלסט מער נוט ריידון צוא מור!

וויא זו האט דר הערט זיינו רייד, האט דס זו גשטכון (געשטאכען) אונ בוך (בויך). זו הט גמיינט, אז ער וועט זו פאלגן. אצונד זעהט זו, אז עס אוז פאר פאלן אור האפונג. זו האט עם גהייסן מער פאנגן (פייניגען), אונ איין פנצטרום גרוב אריין ווארפון, וויא עכברים זענון. אפשר וועט דאס העלפון. ווען מאן האט עם גיפורט אונ גרוב אריין, אוז זו נאך גגאנגן אונ גורעט: אבר הער צו מיין עצה, פאר לור נוט דיין כבוד אונ דיינו טעג! קער זוך אום צו דיין פאטור! ענטפרט ער נאך איין מאל: הער מ י נ ו רייד אוך (אויך) צו; אוך וועל זאגן איין משל: ווען איין בוים, וואס ער אוז צו עסין אונ ער אוז גיפלאנצט אונ דער מדבר, איין גזאלצן ארט, ווס אובר דם קען נוט וואקסון קיין פירות; עס האט געשפראצט דרטר. האט איין חכם דר זעהן אונ האט זוך דר ברומט (בארעמט) איבער דעם בוים. ער האט דעם בוים אויש גרוסן אונ גפלאנצט אוף איין פעט ארט, לעבן איין באך; זיינו צווייגן זענן גיווארן זייער שיין אונ פול פירות גיווקסען אונ

---

*) דיספוטירט.

** דיספוט, וכוח.

Digitized by Google

זיין ציוט מוט איין גוטן ריח. ווי (וואו) איז דאָ איין נאר, ער זאל אוים רייסן דעם בוים אונ פלאנצען אונ דר מדבר, עס זאל נוט ווקסן קיין פירות? אזונו זאכן ווערט נוט גטאָן. גבענטש אוז דר האר אובר דוא יודן, וואס ער האט נוט פאר שטערם קיין גואל פון מור. מיין נאָמן זאל זיין צוא ווישן יודן מקיים זיין דו תורה, וואס זו אוז טייער אונ היילוג מער פון אלע זאכן. ווי גוט אוז מיין חלק אונ ווי זוס מיין גורל! אונ ווי קענסטו (מיך) אָב ריידן פון דעם גוטן וועג און גיין אונ דר פנסטר. דו מתים, וואס זענן שוין לאַנג גשטארבן, ווי זיי ווערלן נוט אוף שטיין בוז תחיית המתים, ווילן זיי דען נאך אַמאָל פר זוכן דם טעם פון דעם טוים? אַזוי — אוך, אַז אוך ווייס אייער לוגן, וואס אוז בוטר ווי דער טויט. בענשט אוז גאט, וואס האט מור דר לייבט מיינו אויגון, אנטלופן פון דר אמונה. ווי אזו קען אוך מוך אום קערון? ווען דו ווערסט מוך שרעקן מוט דם גרוב וועל אוך אוך נוט פאלגון. דער האר, וואס לייכט אוף דר גאנצר וועלט אונ האט דער לייכט מיין הארץ, אוך זאָל פאר שטיין צו ווישן דער לעבט אונ צו ווישן דר פונסטער, ע ר זאָל מור לייכטן אונ דר פונסטער, ווי אונ דר לעבטונג. ווי פול דו ווערסט מוך שטראפון, וועל אוך מער תענוג האבון, ווייל אוך האָב גגסון בוז אהער חזיר און שרצים מוט עבברים. ווען דו ווערסט מוך טייטן, וועל אוך נאך מער תענוג האבן. ווארום דוא ווערסט מוך לאזון לעבון איין אייבוג לעבן אונ דו מוט דיין פטורס (פאָטער׳ס) הויז גזונד וועט פר לורן ווערן אונ גוך וועט אַנפלעקט ווערון דער כבוד פון גאט. אַלע מענטשון וועלן וויסן, אז עס אוז א י י ן גאט אוף דער גאנצר וועלט. גאט וועט אונז אוים לייזון פון אייער הענט. אלע רשעים וועלון זיין ווי שטרויער וועט זוך נוקם זיין און איין זאמלן דוא פר טרבנע. דר גאט וואס האט מציל גוועזן אברהם אבינו פון דעם קלך אובן (קאַלך־אויווען) און דניאל פון דעם לייבון גרוב, ער קען מוך מציל זיין אונ אוך וועל פאר ברענט ווערון .. ווי גוט אוז מיין חלק, אז דס פייער וועט אוועק טראָגון מיין נשמה צו דעם בשעפר. אור זאלט מוך מער נוט בעטן אוועק לאזון דעם דת האמת, וואס זו אוז טייערר פון אלו לוסטוקו כלים. ווען דוא ווערסט מערען רייד, וויא זאמד פון דעם ים, וועט גאר נוט העלפון.

ווי זו האט גזעהן אַז זו וועט גאר נוט העלפון האט מען אום גינומן אונ אריין גוואָרפון אונ גרוב אריין. דר צדיק האָט מתפלל גיוועזן גרוסע תפלות אונ האט גזאָגט: אוך בעט דוך, גאט, מיין גאָט, גוב דיין קנעכט כח אונ קראפט אונ שטארק זיין האַרץ צו פר טראגן דו יסורים אויף קידוש השם. העלף מור, גאט, מיין העלפר, איבר דיין כבוד וועגון אונ פאַר גוב מור מיינו עבירות וועגן דיין (נאָמען). גבענטשט אוז גאט וואָס הערט צו יודושע תפלות מוט רחמים. ער אוז גזעסון אונ גרוב פול טעג; קיין ברוט האט ער נוט גוגיעסון, אונ קיין וואסר נוט גוטרונקען. דער נאך האט מען עס גבראכט קיין הוראדנא אונ פון דאָרטן האט מען (איהם) גושוקט קיין ווילנא און קרומנאל אריין. דער צדיק האט זוך אלע טאָג גשטאַרקט אונ גאטס תורה. אַז מען האט אוועק גונמן אלו ספרים, האט ער גולערונט אויסן ווייניג. ער האט זוך נוט אוף גהאלטן צו לערנן דו תורה. ער האט גטאָן מוט שכל,* מען זל קלאַפן אוף דעם טויער די צייט פון תפלת ציבור, אונ הט גגעסון לחם צר אונ מים לחץ. אַ רוב טעג האט ער גפאַסט.

איין מאָל האט ער גזעהן ווערם ארום גיין פון דעם נאָפל, האט ער זיי אום גקערט אונ האט גזאגט: עסט אוף דעם גוף טמא וואס הט גגסון חזיר אונ שרצים. דוא הענט האט ער גברענט אונ פייער. ווען דוא שרים האָבן עס גרופון ביי זיין נאמן, האָט ער זיי נוט געענפערט. ער האָט גזאָגט, דאס אוז נוט מיין נאָמן, נייערט, מיין נאָמן אוז „אברהם העברי“.

זיין קלוגע מוטר הט דער הערט, אוז זו גיקומן מוט גרוסו דאקטורם. זו הט זייא גוגעבון פול גאָלד אונ זולבר. די דאָקטוירים האָבן גרעט מוט אום אונ זיי האָבן גשוקט צוא דער מוטער, אז ער אוז משוגע; דער מוח האט זוך אובר גקערט, ווייל ער האָט צו פול חכמות גלערנט. דוא מוטר האט אום ארוים גנומן פון דער תפיסה צוא זוך אונ אלט אום גוגעבן איין בזונדרע שטוב אונ יודשע בדונר. אונ ער אוז גזעסן אַ צייט „על התורה ועל העבודה“. פול שרים זענון גוקומון צו אום איין בווער (באַוועך) * צו האָבן. האט ער זיי מנצח גוועזן מוט דער חכמה. זיי האָבן אום נוט גקאנט ענפערן. זיי זאָגן איינר צו דם אנדערן: דוא דאקטורם האבן לוגנט גזאגט. ער אוז נוט משוגע. נר ער האלט יודשן דת מוט אמת אונ שכל. זיי האָבן עס גמסרת פר דעם מלך. אום גשקט רופן. אונ זייער אָפּ גאָט האבן זיי גשטלט אוף דעם טיש. האט ער נוט גוואָלט אריין גיין אונ שטוב אריין, בוז מען האָט צו גנומן דעם צלם. ווי ער אוז גוקומון אונ דער שטוב, ווי מען משפט, האט ער נוט אַראָפּ גונומון דו הוטל פון זיין קאָפּ. זאגון עס דו גלחים: דו בוסט זוך איין יהודי אונ אונזער קנעכט, ווארום בוקסטו זוך נוט צו אונז? פאַר וואָס, יעקב האָט זוך גובוקט צו עשו. ענפרט דער צדיק: ווי קאן אוך מוך בוקן צו אייך, אַז דער אָפּ גאָט שטייט דאָ. זיי האָבען גהאַט איין בווער מוט אום, אונ עס אוז זונסטר גיווארון זייער גשטאלט.

(ענדע קומט.)

*) ד. ה. אָבגערעדט אין געהיים מיט די ווילדנער אידען.

* דיספוט וכות.

Digitized by Google

טער־אָרדען, האָט ענדליך זיך ארומגעזעהן, אז „אונזערע קינדער, ניט זייענדיג בעקאנט מיט דער אידישער ליטעראטור און ניט האָבענדיג קיין בעגריף װעגען די רייכע אידישע קולטורעלע אוצרות, װאַקסען אויס פרעמד און אָפט אפילו פיינדליך צום אידישען פאָלק און צו אלץ װאָס איז אידיש", און די עדױקיישאַנעל קאָמיטע פון אר. רינג רעקאָמענדירט דעריבער צו די ברענטשעס צו גרינדען אָדער העלפען גרינדען אידישע ראַדיקאַלע שולען („פריינד", מאי, 1916, ז. 179־180). די לעצטע קאָנװענשאַן פון ארבייטער רינג האָט דיזע רעקאָמענדאַציע אָנגענומען, און די פּראָגרעסיװע אידישע ערציהונג האָט דערמיט געקראָגען אַ היבשע הילף.

דער ארבייטער רינג איז נאָך ניט צוגעשטאַנען צו דער שוין עקזיסטירענדער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שולען־בעװעגונג, אָבער עס איז צו האָפען, אז די פערשיעדענע אידישע סאָציאַליסטישע קרעפטען װעלען סוף כל סוף פאַרט זיך פעראייניגען אין דער ארבייט צו ערציהען אַ פריען, אַ געזונטען נייעם דור, װאָס זאָל ניט זיין פרעמד צום אידישען פאָלק.

א. ליטװין:

# דער „גר צדק" אין דער אידישער לעגענדע

(לויטן אַן אַלטע שריפט)

(ענדע *)

אונ דעם אַנדרן טאג שוקן זיי ווידר נאך אום אונ דם צלם האבן זייא גשטעלט אויף דעם טוש. האט ער גונומען דם צלם אונ האט אראָפּ גוורפן אויף דר ערד. אונ האָט עס צו טרעטן, ווי ליים אויף דר גאַס. ער זאגט: הוי, בוזן! ווייא לאַנג וועלון זוך בוקן צו דור דו נרנום (נאַראָנים), וואס גלייבון אונ אַלעס. עס וועט קומן איין צייט, אַז די אָפּ גטור וועלון פר לאָרון ווערון. אַלע וועלון רופון אונ דעם נאמון פון גאט.

אונ זייא האבון גפסקת, אז מען זאל ארוס ציען זיין צונג פון דעם האַלז אונ אקון אונ פאר ברענון אונ פייער.

אונ דעם אַנדערון טאָג שבועות, ווען מען האט דוא תורה גוגעבון, אזו אוז גיוועז אונ דעם טאָג האָבן יודען גימאַכט איין גרוסע קלאָג אויף דעם אוטלוכור מענטש האָט מתפלל גיוועז אונ שטוב מוט טדערון. זיי האבן גיקוקט דורך דו פענסטר. ווען מען האָט עס גבראַכט צו דם משפט, האט זיין פנים גילייכט, ווי די זון. ער אוז גיגאַנגן מוט פרייד, אַזו ווי צו דעם טאַנץ. דו רשעים, דו גרבער (גרעבער) הבן מנדר גיוועז האָלץ עס צו פר ברענון. דר בשעפר האט זייא אונ דר רגע בצאָלט. זייערו האַזור אוז תיכף פר ברענט גיווארון בוז צום גרונד, אונ אלס וואס צו זיי. אזו זאל פרלורון ווערון אַלע גאָטס פיינד.

דער צדיק האָט מקדש השם גיוועז. ווען דו נשמה אוז נאך גיוון אונ עס, תט ער גזאגט: גבענשט אוז גאָט, וואס ער מוך גופורט אונ דעם רעכטון וועג, אונ אוף קידוש השם וויל אוך שטאַרבון באמת. זיי מקבל מיין נשמה אונ גיב זו (גיב זי) אונ צרור החיים, מוט אלו נשמות פון דוא צדיקים. מיין מיתה זאָל זיין אַ כפרה אויף אלע מיינו זונד. מיין עקידה זאל זיין חשוב, אַזו ווי דו עקידה פון יצחק. מיין אַש זאל זיין פר דור אוף דס מזבח. זלסט זוך נוקם זיין אונ דו מענטשון, וואס האבון פר גאסון מיין בלוט. אמן.

אונ פאַר זיין טויט האט ער גושטראָפט דו גוים מוט דער רוט פון זיין מויל אונ האָט זיי מגלה גיוועז דעם ביטערון סוף פון זייא, אַז דר בשעפר וועט זיי פר לענדון אונ גאַנצן. דר נאך האט ער גבענטש דו ברכה „ברוך דיין האמת", מוט גרוס פרייד, און האט גישרוגן מוט איין גרויס קול: „שמע ישראל", אונ דו נשמה אוז ארוס גיגאַנגון בייא „אחד".

איין גויה האָט גישפעט אונ פאַר קרומט אור מויל מוט גילעכטור, בשעת אַז מען האט אום גמשפט. אונ איין רגע האָט זו גישרוגון מוט איין ביטר קול, אונ דאס מויל אוז גבלובן פר קרומט אונ שטום. זוא האט גהאט יסורים קשים בוז אור טויט. אלו (דיינע פיינד) זאלון האבון אזו פאַר לאָרן ווערון אונ צוא גאָט איז דיא מלוכה זכר צדיק לברכה.

---

עס אוז גוועזן איין יהודי אונ ווילנא. ער האט גהייסון רבי אליעזר צונקעס. ער אוז גוועזן איין יונגר מאַן, נאך אָן איין באָרד. ער האט זוך אָן גטאָן פרעמדו קליידר אונ האט גנומן דאָס אַש פון זיינו היילוגו איברים, ווארום ער האָט זוך גקאנט מוט דעם וואס, האט אום פר ברענט. ער האָט אום גגעבן געלד, ער זאָל אום לאזון נעמון, אונ האט דאָס בגראבון אויף דעם בית עלמין אונטר איין בוים. זייא האבון גרופן זיין נאמון „אלון בכות", זיין נאמון צו גדענקן אוף אייבוג.

אונ דר צייט אוז גוועזן איין רוח ווייס פון ווילנא. ער האט גזאגט פאר כל הקהל: ווייסט, רבותי, אַז אצונד פאַר ברענט מען דעם „גר צדק"

---

*) זעה „צוקונפט" מאי 1916.

Digitized by Google

און ווילנא אוף קידוש השם, אונ זעהט: עס אוז פול דוא וועלט מוט מלאכים בוז אונ הומול. זייא ווילון מקבל זיין דוא הוילוגו נשמה אונ אובר ענפרון זו צוא אברהם אבינו עליו השלום, וואס ער שטיט אוף דוא טוערון פון דוא הומלון. זייני הענט אוז פאר שפרייט מקבל צו זיין דוא נשמה מוט גרוס שמחה, אונ אוף דעם עולם עליון אוז איין גרוסו פרייד. דוא נשמות פון „עשרת הרוגי מלכות" גיין אום אקעגון, ווייל זוא אוז א הויילוגו נשמה.

גאט זאל אונז מזכה זיין צו זיין אונ זיין חלק. ער זאל אונז שוקון דעם גואל צדק בבי"א :

---

מר האט דער צוילט דער רב פון אוליע, אז דער צדיק האט גשאלטן דעם חיים, וואס האט אום אובר גענפרט צום מלכות, אז פון זיין גזונד זאל נוט זיין קיין תלמוד חכם. ווען איינער פון זיין משפחה וועט בגערון לערנן, זל ער שטארבון יונג. אז ער אוז גוואָרן דארטן איין רב האט ער גזאגט איין שיעור גמרא אלו טאג אונ בית המדרש. אוז גוזעסון איין בחור איין פר שטענדגר אונ דער רב האט אום מקרב גוועזן. ער אוז איין מתמיד גוועזן אונ לערנן. איין מאל קומט דוא מוטר אונ נעמט אום אן בייא דיא האר פון דעם קאפ, און הט אום ארוס גשלעפט פון דעם בית המדרש, אונ זו האט גשרוגון מוט איין בוטר קול: גייא ארוס, דו שלעכטר מענטש! דער בארום זוך אוף דיין נפש! האט דאס דעם רב זייער גאַארט (גע־ארט) אונ פרעגט: וואס אוז דס? זאגון זייא אום: ווארום ער אוז פון דער משפחה פון דעם רשע. דוא מוטער האט פארכט, ער זאל נוט שטארבון, איבר דעם וויל זוא נוט, ער זאל לערנן. נאך האט מור דער רב דער צוילט, אז דער חיים אוז גשטרבן, האט מען אום גשלעפט אונ באגראבון ווי איין עייזל, ווייטר פון דעם טוער פון דעם בית עלמין. אונ א צייט ארום אוז געווארן גבאים אונ דער „הברה קדושה" פון זיין משפחה. אוז זייא גוועזן איין חרפה, זייער קרוב זאל לוגון ווייטער פון דעם פארקען. האבון זייא גוקופט בייא דעם שר נאך איין שטוק ערד אויף קברים, כדי דס קבר זאל זיין אונ מוטון בית עלמין. זענון אוים גשטארבון אלו מתעסקים אונ דעם יאר.

בלע המות לנצח ומחה ד' אלהים דמעה מעל כל פנים אמן :

---

# אַ פּאָר שלום־ווערטער צו דער מעשה פונ'ם „גר צדק".

די לעגענדע מיט'ן „גר צדק" שטעהט גאנץ אליין צווישען אלע אידישע לעגענדעס פונ'ם 18־טען יאהרהונדערט. זי איז ניט פערבונדען מיט קיין שום אנדער לעגענדע. די בעשרייבונג פון דעם פאקט (ווארום דאס איז אייגענטליך געוועזן מעהר א היסטארישער פאקט, ווי א לעגענדע) ווערט פערשפרייט אין פאלק, אלס א בעזונדער קאפיטעל פון דער אידישער טראגעדיע־געשיכטע. ווארום כאטש פאסירט האט דאס ניט מיט געבארענע אידען, נור דאס אידישע פאלק האט גערן אנגענומען אט די מארטירער, אט די געווארענע אידען, אלס זיינע בעסטע זיהן, האט אריינגעשטעלט זייערע ליידען אין דעם לייסטער פון זיינע, דעם אידישען פאלקס אייגענע יסורים.

אין דער מעשה מיט'ן „גר צדק" זענען א סך איינצעלהייטען ניט קלאר. אין גאנצען איז די שילדערונג געשריבען מיט א פערשטעלטער שפראך און זעהר, זעהר קורץ. און דאס איז נאטירליך. די דראמא מיט'ן „גר צדק" ריהרט אן די שמערצליכסטע וואונד פון דער אידישער געשיכטע: די בעציהונגען צווישען יודענטום און קריסטענטום. דא האט מען געקענט ריידען נאר אויפ'ן וואונק, אז דער לעזער זאל פערשטעהן צווישען די שורות.

אזוי איז צ. ב. ניט קלאר פאר וואס עפעס האבען די ביידע יונגע פריצים זארעמבא און פאטאצקי זיך אנגעשטויסען אויף א אידען, אויף א „תנך" נאר אין פאריז, ווערענד אין ווילנא, אין ליטא בכלל האבען זיי געהאט הונדערטער און הונדערטער אזעלכע אידען ארום זיך.

ווען מיר בעטראכטען די איינינגע היסטארישע „וואונקען" *) וואס מיר האבען וועגען דער מעשה מיט'ן „גר צדק", פערשטעהען מיר טאקע, אז דער איד, וואס די צוויי גרים האבען בעגעגענט, איז באמת ניט נעוועזן אין פאריז, נאר אין ווילנא. ער האט געהייסען מנחם בן אריה ליב פון וויזין. ער איז געוועזן א געלערנטער מענש און א דענקער. האט געהאלטען א וויינהאנדעל, וואו עס פלעגען פערקעהרען פריצים. דער אידישער וויינהאנדעל אין שטאדט איז נעוועזן א מין קלוב פאר די פריצים, פונקט ווי די קרעטשמע איז געוועזן אן ארט קלוב פאר די פויערים. ר' מנחם איז געוועזן נעאכט אי ביי די אידען, אי ביי די פריצים פאר א הייליגען מאן. אין ווילנא איז קיין סוד ניט געוועזן, אז ר'מנחם האט געהאט אויף א סך קריסטען א גרויסע ווירקונג; אז די שפעטערדיגע „גרי צדק" פאטאצקי און זארעמבא האבען ביי איהם געלערנט העברעאיש און די ביבעל. שריפטליך איז אבער געוועזן געפעהרליך צו רעדען וועגען דעם און מ'האט גemוזט דעם אידען, וואס האט די יונגע פריצים די אידישע תורה געלערנט, איבערטראגען אין פאריז.

פאר דעם קריסטליכען געריכט האט דער

---

*) אין „קרית נאמנה" פון שמואל יוסף פין ז. 120; אין מאנדעלשטאמס בוך „חזון בנימין ממטת השקדים"; אין „אלגעמ. ציימונג דעס יודענטומס" 1863.

Digitized by Google

נאָמען פון דעם „שולדיגען" אידען, ס'פּער־שטעהט זיך, ניט געקענט בלייבען פערבאָרגען לאַנג. און טאַקע אין קורצען נאָך דעם מאַרטי־רער־טויט פון דעם „גר־צדק" פּאָטאָצקי, איז פערפּייניגט געוואָרען מיט שרעקליכע יסורים צו טויט זיין לעהרער רבי מנחם. וועגען דעם איז אין „קריה נאמנה" דערמאָהנט בלויז עט־ליכע שורות.

אינטערעסאַנט איז, אז מעהר אפּנים, האָבען אידען ניט געליטען פון דער דאָזיגער דראַמע. פּיליכט האָבען די יעזואיטען מורא געהאַט פאר א צו גרויסען שטורם. ווארום נאָך יערען „קרבן" וואָס זיי האָבען געבראַכט אויף'ן מזבח פון דער קריסטליכער רעליגיאָן, איז זי די קריסט־ליכע רעליגיאָן געווען מעהר אין געפאהר צו פערלירען, ווי צו געווינען.

נאָך א פּונקט איז ניט גענוג בעלויכטען: די ראָלע פון דעם אידישען מוסר. דער אידי־שער „מוסר", דער פּערדעטער, דער איבערלוי־פער איז, אזוי צו זאָגען, די לינקע זייט פון דער לאַנגער אידישער גלות־טראַגעדיע, פון בר קמצא ביז אזוף'ן. דאָס איז דער שאָטען, וואָס בע־גלייט דעם אידען שטענדיג אויף זיין מאַרטי־רער־וועג.

דעם גאַנצען אמת וועגען דער דראַמע פון'ם „גר־צדק" וועט ערשט זיין מעגליך צו וויסען, ווען עס וועט אין רוסלאַנד און פּוילען איינגע־פיהרט ווערען ווירקליכע קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטען און צווישען זיי אויך פּאָלקאָמענע געוויסענס־פרייהייט. דאַן וועלען זיך עפענען די רוסישע געהיימע ארכיוען און די פּריוואַטע אר־כיווען פון די פּוילישע מאַגנאַטען מיט די היס־טאָרישע נעמען פון די פּאָטאָצקי'ס, ראַדזיווילס, טישקעוויטשעס און אנדערע, וואָס האָבען גע־שפּיעלט אזא גרויסע ראָלע אין דעם לעבען פון פּויליש־ליטווישע אידען. און דאַן וועלען מיר א סך א סך זיך דערוויסען פון דער מערק־ווירדיגער, ניט־לאַנג־אַניגער פערגאַנגענהייט פון אונזערע ברידער אין רוסלאַנד, נאָך ניט ענט־דעקטע היסטאָרישע פאַקטען, וואָס האָבען, ווי אונז דוכט איצט די עהנליכקייט פון לעגענדען פון די מעשה־ביכלאָך.

# ביבליאָגראַפיע און קריטיק

## י. פּאָדרוזשניק

### פון די אייראָפּעאישע זשורנאַלען.

עדואַרד בערנשטיין האָט געהאַט אן אינטערעסאַנ־טען אַרטיקעל אין די בלעטער פאר צווישענשטאַאַט־ליכע אָרגאַניזאַציאָן וועגען די א י ב ע ר ש ע צ־ט ע פּ ר י ע ד ע נ ס ־ ב ח ו ת און וועגען די דריי אינטערנאַציאָנאַלס און זייער ראָלע אין דער איצ־טיגער וועלט־מלחמה.

עס זיינען בעקאַנט בערנשטיין'ס מיינונגען וועגען דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל און מיר ווי־לען וועגען דעם ניט פערשפּרייטען זיך. בערנשטיין דיינקט, אז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט, אמת, געקראָגען א גרויסען קלאַפּ, פיעל גליע־דער זיינען צושעדיגט געוואָרען, אָבער די הויפּט אָרגאַנען זיינען דאָך נאָך אַלץ ניט פערניכטעט גע־וואָרען.

וואָס אַנבעלאַנגט דעם קאַטהוילישען, דעם שוואַר־צען אינטערנאַציאָנאַל, האָט ער איבערהויפּט קיין שום אינטערנאַציאָנאַלע מאַכט ניט. אמת' דער פּאַפּסט איז א שטאַרקער אַנהענגער פון פריעדען. אָבער זיינע קאַטוילי‌קען זיינען עס שוין גאר ניט. דער פּאַפּסט האָט געשפּיעלט אן אומגליקליכע ראָלע צו שרייען וועגען פריעדען, ווען ס'איז שוין צו שפּעט געווען. אין יענע ווילדע טעג פון 25־טען דזשולי ביז דעם ערשטען אויגוסט 1914, דעמאָלט, בעת עסטרייך איז אַריינגעפאַלען אין מלחמה־פיבער, איז די קאַטוילישע פּאַרטיי דאָרט געווען די פּאָהן־טרעגערין פון א קרייצצוג אויף סערביען. זי איז געווען די ווילדעסטע, ליידענשאַפטליכסטע העצערין פאר א מלחמה. די דייטשע קאַטוילי‌קען זיינען אויך ניט פיעל בעסער געווען. אינ'ם קריטישסטען מאָ־מענט, בעת דער גורל פון אייראָפּאַ איז געלעגען אויף דער וואגשאַל, האָט דער אַנפיהרער פון די דייטשע קאַטוילי‌קען זיך היציג אַנגעשלאָסען אָן דער קריעגס־פּאַרטיי. מען האָט דערפאר איבערשעצט די פריעדענס־בחות פון שוואַרצען אינטערנאַציאָנאַל, בוועגדיג צו־פיעל אויף זיין אינטערנאַציאָנאַליזם.

בערנשטיין רעדט אויספיהרליך וועגען נאָך אן אינטערנאַציאָנאַל — וועגען י ו ד ע נ ט ו ם!

„דאָס יודענטום איז פון זיינע שונאים אָפט בעצייכענט געוואָרען אלס אן אינטערנאַציאָנאַלע פריי־מויערטום. מען האָט איהם חושד געווען אין א איבערטריבענעם קאָסמאָפּאָליטיזם. דאָס יודענטום קען דארום ניט שטימען מיט די נאַציאָנאַלע גע־פיהלען, וואָס זיינען אין יעדען לאַנד דער יסוד פון געזעלשאַפטליכקייט. אָבער צוליעב עלאַסטישען אויסדרוק: נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ג ע פ י ה ל, קען דער פּאַרוואָרף אַמאָל זיך ענדערען אין א לויב. ווייל די ערפאַהרונגען בעווייזען זעהר אָפט, אז א איבערטריבענער נאַציאָנאַליזם איז אָפט א געפאַהר פאר דער נאַציאָן.

„אלס מיטגליעד אדער שטאַמליגג פון א פאָלק,

Digitized by Google